STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03899

YIDISHE FOLKSLIDER

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרק װאַרשאַװסקי

ייִדישע פֿאָלקסלידער

מיט 31 ניגונים

יוסף ליפשיץ־פֿאָנד
פֿון דער ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט ביים ייװא
בועַנאָס־איירעס

Marc Warshawski — Idishe Folkslider

Marc Warshawski — Canciones Populares Judías

Copyright 1965, by

ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633 - 3er piso
Buenos Aires

2טע אויפלאַגע

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

מאַרק וואַרשאַווסקי

יידישע פאָלקסלידער

מיט 31 ניגונים

2טע אויפלאַגע

פראַגמענטן פון פאַרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
און זכרונות

אַריינפיר און רעדאַקציע
פון
שמואל ראָזשאַנסקי

2טער באַנד פֿון ציקל

מוסטערווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פֿון

יוסף ליפֿשיץ־פֿאָנד

פֿון דער

ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ

אין אַרגענטינע

אונטער דער רעדאַקציע פֿון

שמואל ראָזשאַנסקי

טיראַזש: 1.000 עקז׳

יאָר: ה׳תשכ״ה — 1965

ליטעראַטור-געזעלשאַפֿט בײַם ייוואָ אין אַרגענטינע

תוכן

זייט

בילד פֿון מאַרק וואַרשאַווסקי 7
ביאָגראַפֿישע שטריכן 8
שמואל ראָזשאַנסקי — דער אויסזינגער פֿון אַ פֿאָלק
אויפֿן שוועל פֿון 20סטן י״ה 9

שערבלאַט פֿון מוזיק־אַלבאָם צו וואַרשאַווסקיס לידער 36

וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן 37

דער אַלף־בית 38
דער בעכער 41
גאָט איז אַ פֿאָטער 46
אַ יידיש ליד פֿון רומעניע .. 49
דאָס טרויער־ליד 53
פּסח 56
חד־גדיא 59
דער אמת 63
די נאַכט 65
איף קידוש־השם 66

לאָזן אונדזערע קינדער וויסן! 71

דאָס ליד פֿון דעם ברויט 72
דאָס פֿריילעכע שניידערל ... 74
נעבן קלייזל 78
תּחום דער טרובאַטש 82
דעם מילנערס טרערן 89
די שיף 92
אַ בריוו פֿון אַמעריקע 95
דער מאַמעס ענטפֿער 98
די וועלט 100
אויף דעם אַלטן בית־עולם ... 102
ווי האַלט איך דאָס אויס? ... 104
דעם אַדלערס קלאָג 107
עס זינגט זיך ניט 109

די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער! 111

שׂרה און רבֿקה 112
כלהנוי, ווייך־זשע, ווייך! 116
די ראָד 120
אַ פֿריילעכס 123
די באָבע גייט אַ טאַנץ 126
דער זיידע מיט דער באָבע .. 129
דער ווינטער 132
שׂמחת־תּורה 134
די באָבע 138
דער שדכן משה־אהרן 139
דער פּאָדעם 142
דאָ אויף דער פּריזבע 145

זייט

וואָס מער ס׳בלוטיקט מײַן האַרץ 147

טרערן 148
מיט איין בליק 150
נאָר איר 151
דער שטיין 152
אויף איר קבר 153
וואָס מער ס׳בלוטיקט
מיין האַרץ 154

דו האָסט געניג געליטן! 155

שוואַרצע וואָלקנס זע
איך ציען 156
דער ייד אין וועג (טרילאָגיע)
1) דער חלום 157
2) שטיי־אויף! 159
3) די טעבטער
ציונס זיגגען 160
ציון 162
לשנה הבאה בירושלים! 165
די זון 168

צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון וואַרשאַווסקיס לעבן און שאַפֿן 171

שלום עליכם — וועגן מאַרק וואַרשאַווסקי און זײַנע לידער 173
איציק מאַנגער — די פֿליגל פֿון דער גאָלדענער פּאַווע 182
יעקבֿ פֿיכמאַן — די ייִדישע ליריק 183
וו. זשאַבאָטינסקי — אויפֿן פּריפּעטשיק 186
אליהו ליפּינער — אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל 188
ב. שעפֿנער — אַ פֿײַערל אין האַרצן 193
יעפֿים ישורין — מאַרק וואַרשאַווסקי־ביבליאָגראַפֿיע 196

פּראָיעקטן פֿון סצעניזאַציעס פֿאַר וואַרשאַווסקיס לידער

זלמן הירשפֿעלד — „קמץ א — אָ!" 203
„אַ חתונה בײַ ייִדן" 210

ש. ר. — נאָכבאַמערקונגען 212

◈

באַמערקונגען צום „אלף־בית" 70
מאַרק וואַרשאַווסקי און שלום עליכם צווישן פֿאַרערס 181
רעפּראָדוקציע פֿון לאַזאַר סגלס אילוסטראַציע
„אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל" 192

צייכענונג נאָכן איינציקן בילד פֿון מאַרק וואַרשאַווסקי

ביאָגראַפישע שטריכן

געבוירן אין אָדעס, דעם 26סטן נאָוועמבער 1848, אין אַ בכבודיקער פאַמיליע. פון די קינדעריאָרן געוווינט אין זשיטאָמיר, וווּ געלערנט עטלעכע יאָר אין דער ראַבינער־שול. זיך באַפריינדט מיט אברהם גאָלדפאַדען, אַן איינגייער אין הויז פון זיינע עלטערן. נאָכן ענדיקן אין זשיטאָמיר גימנאַזיע אַריין אין אָדעסער אוניווערסיטעט לערנען יורי. אַריבער אין קיעוו, וווּ זיך גראַדווירט אין 1875 און חתונה געהאַט אין 1879. ווי אַ געשווירענער אַדוואָקאַט זיך ספּעציאַליזירט אין קריימינעלע און געריכט־קאַמער.

מאַרק וואַרשאַווסקי האָט געהאַט אַ געמוטשעט לעבן. געליטן נויט. אָבער פאַרמאָגט אַ סך הומאָר. ליב געהאַט צו שפּאַסן, וויצלען זיך און אימפּראָוויזירן קופּלעטן. מ׳האָט אים דערהאַר ליב געהאַט נאָך איידער ער איז באַקאַנט געוואָרן ווי אַ פאָלקסדיכטער.

שלום עליכם האָט אים אַנטדעקט און דערמוטיקט: האָט אים באַוויגן צו פאַרשרייבן די לידער, וועלכע וו. האָט געשאַפן צוזאַמען מיט די ניגונים. ער פלעגט זיי אויסזינגען און זיך אַליין באַגלייטן אויף פּיאַנאָ. אין 1897 האָט אים ש״ע אַנטדעקט און אין 1900 האָט אַ דאַנק אים אַ גרופּע קיעווער פריינד, ציונים, פאַר וועלכע וו. פלעגט אָפט אַרויסטרעטן, אַרויסגעגעבן די ערשטע זאַמלונג „יודישע פאָלקסליעדער״ מיט שלום עליכמס אַ הקדמה.

די לידער זיינען גיך פאַרשפּרייט געוואָרן איבער ישובים. אויך מחוץ רוסלאַנד. גראַד איז וו. דעמאָלט גוט צוועק אויך אין זיין פּראָפעסיע: אַ בעלגישע פירמע האָט אים באַשטימט אין 1903 פאַר איר יוריסקאָנסולט.

זיין נאָמען ווי אַ פאָלקסדיכטער און אינטערפּרעטירער פון זיינע אייגענע לידער איז נאָך מער פּאָפּולער געוואָרן, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט שלום עליכמען אויף אוונטן, אויף וועלכע ער האָט געזונגען און דער קלאַסיקער פון יידישן הומאָר האָט פאָרגעלייענט. די אויפטריטן זיינען געוואָרן אַ גרויסע דערפאַרונג און ביידע פריינד האָבן שוין אַפילו געחלומט פון פאָרן אויף קאָנצערטן אַזש קיין אַמעריקע.

פאַר איינעם פון די קאָנצערטן, אין 1905, איז אָבער וו. קראַנק געוואָרן — און מער צו זיך נישט געקומען. 2 יאָר אָפּגעקרענקט. מוראדיק געליטן — פון דער מחלה געליטן און נישט ווייניקער פון דחקות... און אַזוי, „איבערלאָזנדיק זיין פרוי און די איינציקע טאָכטער אָן שום מיטלען צום לעבן״, איז ער אַן עלנטער אויסגעגאַנגען אין 1907 (אַפילו די גענויע דאַטע פון זיין טויט איז נישט פעסטגעשטעלט).

●

אין 1914 איז דערשינען אין אָדעס אַ צווייטע אויסגאַבע פון מאַרק וואַרשאַווסקיס לידער, מיט שלום עליכמס אַ נייער הקדמה, און באַזונדער איז אַרויס אַן אַלבאָם מיט מוזיק צו 25 לידער. אין 1918 איז אין ניו־יאָרק דערשינען אַ דריטע אויסגאַבע (אָן מוזיק) מיט אַן אָפּטיילונג פון ביז דעמאָלט נישט־פאַרעפנטלעכטע לידער.

●

אין אַלע יידישע כרעסטאָמאַטיעס און געזאַנג־אַנטאָלאָגיעס, ווי אויך פאַר קאָנצערט־נומערן, זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן מאַרק וואַרשאַווסקיס פאָלקסלידער.

דער אויסזינגער פֿון פֿאָלק אויפֿן שוועל פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

1900. פֿאַרן יידישן פֿאָלקלאָר

מאַרק וואַרשאַווסקי איז איינס און צוויי פּאָפּולער און באַליבט געוואָרן פֿאַר זיינע לידער נישט על פּי צופֿאַל. נישט צוליב זיין טעמפּעראַמענט אַליין איז שלום עליכם אַריינגעפֿאַלן אין התפּעלות, ווען ער האָט אים צום ערשטן מאָל געהערט זינגען, אין 1897. עס איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס די ערשטע אויסגאַבע פֿון זיינע פֿערזן, אין 1900, האָט מען אָנגערופֿן יידישע פֿאָלקסלידער. פּונקט ווי עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס יואל ענגעל איז אין 1901 געווען אויסער זיך, הלמאי די ניגונים, וואַרשאַווסקיס, זיינען דווקא אָנגערופֿן געוואָרן יידישע פֿאָלקס־געזאַנגען.

דאָס אַלץ איז באַהויכט פֿון דער צייט — אַ וויכטיק קאַפּיטל קולטור־געשיכטע פֿון יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע אויפֿן שוועל פֿון 20סטן יאָרהונדערט — ווען יידיש פֿאָלקשאַפֿן איז נתעלה געוואָרן.

אין פֿרילינג פֿון דער נייער יידישער ליטעראַטור און קולטור האָט אויפֿגעבליט אויך דער אינטערעס, דער חוש און די דערקענטעניש פֿאַר פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע. נאָך די ערשטע קול־קוראס צו זאַמלען די אַנאָנימע שאַפֿונגען, צעזייטע און צעשפּרייטע אין גאַנג פֿון הונדערטער יאָרן, זיינען יידישע פֿאָלקסלידער אַריין אין דער מאָדע.

אין 1896, אויף דער איניציאַטיוו פֿון ראַבינער ד״ר מאַקס גרונוואַלד, ווערט אין האַמבורג געגרינדעט אַ „געזעלשאַפֿט פֿיר יודישע פֿאָלקסקונדע“, וועלכע גיט־אַרויס, אונטער זיין רעדאַקציע,

פֿון 1898, אַ געוויכטיקן זשורנאַל[1], וואָס ווענדט די אויגן פֿון דער אינטעליגענץ אויף די אוצרות פֿון פֿאָלקשאַפֿן, פֿאָלקשפּראַך און מאָביליזירט אַרום זיך פֿאָרשערס און ראָמאַנטיקערס, איבערהויפּט דעם צאַרטן פֿילאָלאָג אַלפֿרעד לאַנדוי. אין 1898 קומען־אַרויס שאול גינזבורג און פּרץ מאַרעק, אין פּעטערבורג, מיט אַן אויפֿרוף צו זאַמלען יידישע פֿאָלקסלידער, וואָס געפֿינט אַזאַ הילכיקן אָפּקלאַנג, אַז זיי קריגן־אַרײַן דורך אַ גרויסער צאָל מיטאַרבעטערס אַזש דרײַ טויזנט לידער, פֿון וועלכע זיי קלײַבן־אָפּ קוים 360 פֿאַר זייער בוך, וואָס דערשײַנט אין 1901 און מאַכט אַ גרויסן פֿוראָר[2]. „נאָר נאָך אידער דאָס בוך איז אַרויס פֿלעגן שוין פֿאָלקסלידער געזונגען ווערן בײַ פּרצן אין שטוב יעדן שבת. צווישן דעם קרײַזל איז געווען כּהן, אַ זייגערמאַכער לויט זײַן פּראָפֿעסיע, וואָס איז געווען אמת פֿאַרליבט אין די לידער, ער האָט זיי געשעפּט פֿון די ערשטע קוועלן, אין די וואַרשעווער „קנייפּעס״, אין די אַלע ערטער ווו יונגען און מיידן פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען צו טאַנצן און צו זינגען — דער כּהן איז דער בעסטער קענער פֿון די יידישע פֿאָלקסלידער״[3]. דאָס איז יהודה לייב כּהן, דער פֿאַרדינסטפֿולסטער זאַמלער פֿון יידישן פֿאָלקלאָר, וועלכער האָט אויף דעם פּעלד פֿאַרנומען דעם צענטער פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, ווי דער רעדאַקטאָר און פֿאָרשער, אינספּירירט מער פֿון אינטויציע ווי פֿון אַקאַדעמישע פֿאָרמולעס[4]. און

---

[1] Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde . שפּעטער אַריבערגעפֿירט פֿון האַמבורג קיין בערלין, לייפּציג און ווין. צום 25־יאָריקן יובליי דערשינען אַ זאַמלבוך Mitteilungen Jahrbuch für jüdischen Volkskunde בערלין, 1923.

[2] Еврейскія народныя песни въ Россіи , פּעטערבורג, מיט אַן אַריינפֿיר פֿון גינזבורג און מאַרעק. — אַלע שפּעטערדיקע זאַמלונגען פֿון פֿאָלקלאָר האָבן זיך אָריענטירט אויף דעם בוך.

[3] ה. ד. נאָמבערג — „פֿאָלקסלידער״, קאַפּיטל פֿון זכרונות „י. ל. פּרץ — אַ ליטעראַרישער דור״, אין „דאָס בוך פֿעליעטאָנען״, וואַרשע, 1924, ז׳ 191.

[4] געבוירן אין ווילנע דעם 15טן פֿעברואַר 1881 און געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 3טן אַפּריל 1937.

אָט אין יענעם קאַיאָר האָט זיך באַוויזן יולי דימיטריעוויטש ענגעל, וועלכער האָט נאָכן ענדיקן מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע אין 1897 — אין דעם זעלביקן יאָר פֿון שלום עליכמס באַקענען זיך מיט וואַרשאַווסקין — זיך פֿאַראינטערעסירט מיט יידישן פֿאָלקלאָר און אַזוי שטאַרק מיטגעריסן געוואָרן, אַז ער האָט מיט זײַן אידייע אָנגעשפּאַרט אַזש אין די העכסטע רוסישע מוזיקאַלישע קרײַזן. זײַן אידייע איז געווען: אויספֿאָרשן און וויסנשאַפֿטלעך פֿעסטשטעלן די עכטע נאָרמעס און געזעצן פֿון דער יידישער נגינה, צו קענען אונטערשיידן, וואָס איז אייגנס און וואָס איז פֿרעמדס. אינספּירירט פֿון דער דאָזיקער אידייע, האָט ענגעל „געלייענט אין דער מאָסקווער קעניגלעכער עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אַ רעפֿעראַט וועגן יידישן פֿאָלקסליד, אילוסטרירנדיק אים מיטן זינגען פֿאָלקסלידער אין זײַן אייגענער באַאַרבעטונג". דער אָוונט האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז ער „האָט אַרויסגערופֿן אַ גאַנצע באַוועגונג צווישן דער יידישער מוזיקאַלישער יוגנט". און „דער רעזולטאַט פֿון דעם איז געווען, אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ „געזעלשאַפֿט פֿון יידישער פֿאָלקסמוזיק" און „נאָך דעם האָט ער צוזאַמען מיט אַנ־סקין דורכגעפֿירט אַ ריי עקסקורסיעס, איבערהויפּט אין דרום־רוסלאַנד, צו פֿאַרשרייבן יידישע פֿאָלקס־מעלאָדיעס"[5]. דער דאָזיקער רעפֿעראַט, וואָס האָט געמאַכט געשיכטע אויפֿן פֿעלד פֿון יידישער מוזיק, איז געהאַלטן געוואָרן פֿון ענגעלן אין 1900, אין דעם זעלביקן יאָר ווען עס איז דערשינען מאַרק וואַרשאַווסקיס זאַמלונג אונטערן טיטל „יידישע פֿאָלקסלידער"... אַוודאי איז ענגעל פֿאַרציטערט געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט צווישן די ניגונים פּאָלקעס און מאַזורקעס. סטײַטש? — איז ענגעל אַרויסגעקומען מיט אַ ויצעקו קעגן שלום עליכמען — „זײַט איר מספּים, אַז די יידישע מוזיק זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון איר

---

[5] Еврейская Энциклопедія, ב׳ 16, ז׳ 270.

נאציאנאלן גייסט און נאכטאנצן אייראפעישע פאלקעס מיט וואלסן, לייען ביי אנדערע און נאכטאן פרעמדע״?[6].

אינעם גאנג פון יארצענדלינגער, נאכן אויספרובירן, אנטוויקלען און פארטיפן די דאזיקע טעאריעס, וואס פאדערן פון דער יידישער נגינה, אז זי מוז זיין „דורכויס יידיש״, נאך דער באגרינדעטער איינשטעלונג פון שלמה ראזאווסקי, אז אמת־יידישע נגינה מוז זיין געבויט אויף טראפ, האט די ווירקלעכקייט געוויזן, ווי שווער עס איז איבערצופורעמען די פארווארצלטע איגונגען. אלע רייד, אז דער ניגון פון „התקוה״ איז גענומען פון רומעניש, האבן קיין פעולה נישט געהאט און די פראיעקטן אנצונעמען פאר דעם הימען מוזיק, וואס זאל זיין בהסכם מיט דער טעאריע וועגן עכט־יידישער נגינה, זיינען געבליבן פראיעקטן. פונקט ווי מ'ווערט נישט נתפעל, וואס די מוזיק פון הימען „פארטיזאנער״ איז גענומען פון א רוסישן קאזאקן־ליד. ווי מ'ווערט נישט איבערגעראשט אין מדינת ישראל פון די פארווורפן, אז ניגונים פון א ריי העברעישע קאמף־לידער זיינען אויסגעבארגט געווארן פון רוסישע מארשן. נאך ברייטפארנעמיקע פארשונגען אין און ארום יידישער נגינה איז פארן מאדערנעם מוזיקאלאג נאטירלעך, וואס „געבארגטע לידער פון די אוקראינער, פאליאקן, טאטערן און פון אנדערע פעלקער געפינען זיך א סך, אבער אין די מערסטע פון זיי האט דער יידישער גייסט געמאכט ענדערונגען צי דורך צוגעבן אדער אראפנעמען״, בפרט נאך ביי אזעלכע ניגונים, וועלכע ס'איז לייכט צוצופאסן „פאר דער מינאר־סקאלע״, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דער יידישער נגינה[7].

אין 1900 וואלט מסתמא אברהם צבי אידלסאן, מיט דער גאנ־

---

[6] יולי ענגעל — „א תשובה דעם הערן „שלום עליכם״, אין „דער יוד״, נ׳ 40, קראקע, 1901.

[7] פראפ׳ א. צ. אידלסאן — „די פאלקס־מעלאדיעס פון די אשכנזים און די מזרח־אייראפעישע יידן״, אין „באדן״, ב׳ 2, ג׳ 2, ניו־יארק, 1935.

צער אויטאריטעט פון זיין מאנומענטאלן ווערק „אוצר נגינות ישראל״, נישט געוואגט צו זאגן די דאזיקע ווערטער. יואל ענגעל וואלט אים אפשר פארשטיינערט... דעמאלט האט מען, ווי ס׳פאסט פאר יוגנט, געוואלט זיין עקסטרעם שבעקסטרעם. עס זיינען געווען רעוואלוציאנערע יארן. מ׳האט געפריידיקט: אדער אלץ, אדער גארנישט. דערפאר האט דער איניציאטאר פון דער נייסטער מוזיק־פארשונג אויפן פעלד פון יידישן פאלקלאר געמיינט, אז ס׳איז מעגלעך צו דערגרייכן אבסאלוטע אריגינעלקייט, פולע יידישע עכטקייט, פריי פון די השפעות אין די לענדער, צווישן די פעלקער, ווו יידן וווינען און וויינען, ראנגלען זיך און האפן, לאכן און טאנצן, זיינען מתפלל, און נישט אפגעבנדיק זיך צומאל קיין חשבון נעמען זיי איבער תנועות און ווערטלעך, ניגונים און פירונגען...

עס איז געווען די ראמאנטישסטע צייט פארן יידישן פאלקלאר. א זאמלער אדער פארשער האט געהאלטן פאר א גרויסן יחוס, אויב ער האט אין יארן ארום געקענט זאגן: „איך פארנעם זיך מיט אונדזער פאלקלאר פון 1900סטן יאר״ [8]. דערפאר האט ש״ע אזוי זיך געפרייט, וואס ער „האט אנטפלעקט דעם יידישן פאלקסדיכטער און ארויסגעפירט אים אויף דער יידישער וועלט״, און בעת ער איז געווען זייער איבערקלייבעריש וואס שייך חברן זיך מיט שרייבערס, איז „איין יידישער שרייבער געווען אין קיעוו, מיט וועמען ש״ע האט זיך א סך אפגעגעבן: דאס איז געווען דער אדוואקאט מ. מ. ווארשאווסקי״, וועמענס לידער ער האט געשיקט צו י. ח. ראווניצקין, צו דרוקן אין „יוד״, וועמענס עזבון ער האט איבערגענומען פון דיכטער ל. יפה און מיט וועמענס אויסגאבעס ער האט זיך אזוי פארנומען, ווי עס וואלט אים געגאנגען אין לעבן [9].

---

[8] נח פרילוצקי — „יידישע פאלקסלידער״, 1טער באנד, ווארשע, 1914 ז׳ III.

[9] י. ד. בערקאוויטש — „מיט דער משפחה פון שריפטשטעלער״, אין „דאס שלום עליכם־בוך״, ניו־יארק, 1926, זז׳ 186—187.

ווײַל מאַרק וואַרשאַווסקיס לידער האָבן אין אַ גרויסער מאָס זיך אידענטיפיצירט מיט פֿאָלקשאַפֿן. ער האָט מיט זײַן פֿאָלקסטאָן אָרײַנגעשפּילט אין דער צײַט און די צײַט האָט אים צוגעשפּילט. און וואָלט ער נישט געקומען אין אַ צײַט, ווען ייִדיש פֿאָלקשאַפֿן איז אַזוי נתגלה געוואָרן, וואָלט ער אפֿשר גאָר נישט נתגלה געוואָרן.

וואָלט ער געקומען מיט צענדליגער יאָרן פֿריִער אָדער מיט צענדליגער יאָרן שפּעטער, וואָלט ער אפֿשר דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט און אַ סך אַן ערגערע אויסקומעניש געהאַט ווי דער עלטערזיידע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, ד״ר שלמה עטינגער. וואַרשאַווסקי, אַן אַ פֿאַרגלײַך אַ קלענערער שרײַבער ווי עטינגער, האָט אָבער מיט זײַן ליד געהאַט אַן אַ פֿאַרגלײַך מער הצלחה. ער, וואָס האָט געהאַט אַ ביטערע דאָליע בײַ זײַן אַדוואָקאַטור, האָט אַ וווּנדערלעך מזל געהאַט צו זײַנע לידער; ווײַל ער איז געקומען אין דער ריכטיקער צײַט — אין 1900.

ווען אַ באַקאַנטער מחבר ווערט אַנאָנים

מאַרק וואַרשאַווסקי, קומענדיק אין דער ריכטיקער צײַט, איז פֿון דעסטוועגן וויכטיק נישט בלויז ווי אַ דאָקומענט פֿון זײַן תּקופֿה, נישט בלויז פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור. דער ווערט פֿון זײַנע לידער איז דורך דער צײַט נישט אין גאַנצן אַנטווערט געוואָרן. אדרבה, דער פֿאָלקסטאָן און לירישער טעם פֿון אַ ריי לידער, וואַרשאַווסקיס, ווירקט עד־היום ווי אַן אינטימער גרוס פֿון ייִדישן לעבן, וואָס צעוואָרעמט און איז אויך איצט עלול צו צערודערן.

אַ גרוס פֿון ייִדישן כּלל־לעבן. אָט ליריש און אָט דראַמאַטיש. אָט מיט הומאָר און אָט דעקלאַמאַטאָריש און טעאַטראַליש. על פּי רוב זינגען אין זײַנע לידער יחידים וועגן זייער פּערזענלעכן לעבן, אָבער די ווירקן אויף אונדז, ווי יעדער איינער וואָלט געזונגען אין נאָמען

פֿון אַ סך, וועלכע זײַנען פונקט ווי ער. ווי די דאָזיקע יחידים וואָלטן געווען אויסזינגערס פֿון פֿאָלק.

אין דעם־אָ ליגט דער סוד, וואָס די פֿערזן זײַנען בליצשנעל אויפֿגענומען געוואָרן ווי פֿאָלקסלידער.

מאַרק וואַרשאַווסקי האָט געהאַט דאָס מזל צו ווערן אַנאָנים.

פֿריִער, איידער ש״ע האָט אים אַנטדעקט[10], איז ער אין זײַן קרײַז געווען באַליבט פֿאַר זײַן זינגען און שפּילן אויפֿן קלאַוויר. זײַן נאָמען האָט מען געקענט מער ווי זײַן ליד. שפּעטער אָבער, ווען זײַן ליד איז אַרויס פֿון ענגן קרײַז און באַקומען פֿליגל, האָט זײַן נאָמען נישט אָנגעיאָגט זײַן ליד. וואָס מער פּאָפּולער עס איז געוואָרן זײַן געזאַנג, אַלץ ווייניקער פּאָפּולער איז געוואָרן זײַן נאָמען.

מיט מאַרק וואַרשאַווסקין האָט פּאַסירט דאָס פֿאַרקערטע וואָס מיט גרויסע פּאָעטן.

גרויסע פּאָעטן, אייגנאַרטיקע, מיט סוביעקטיווע שטריכן, טע־נער און פֿאַרבן, ווערן פּסדר גענומען אין באַטראַכט בשותּפֿות מיט זייער שאַפֿן. וואָס מער מ׳אָנערקענט זיי, אַלץ ווייניקער טיילט מען אָפּ זייער נאָמען פֿון זייער שאַפֿן. זייערס איז דאָס ליד און מ׳טאָר עס אָן זייער נאָמען נישט באַניצן. זיי זײַנען ווי עשירות אין אַ געזעלשאַפֿט ווו עס הערשט פּריוואַט־אייגנטום: דאָס רײַכטום געהערט צום באַלעבאָס און דער יחיד, ווי דער כּלל, היט־אָפּ דעם פּרינציפּ.

פֿאָלקסדיכטערס, פּאָעטן וואָס שאַפֿן אין דער אַטמאָספֿערע פֿון פֿאָלקלאָר, ווי דאָס פֿאָלק רעדט, זײַנען געגליכן צו מענטשן וואָס לעבן אין דער אָרדענונג פֿון אַ קאָמונע, וווּ די עשירות געהערט צום כּלל און אַלע געניסן פֿון איר, ווײַל ס׳איז אייגנס.

מאַרק וואַרשאַווסקי איז דער אויסזינגער פֿון אַ קאָמונע.

ער, דער געשווירענער אַדוואָקאַט, האָט ליב געהאַט זיך אָפּצו־

---

[10] אינעם אַפּטייל „צו דער כאַראַקטעריסטיק“, אין דעם בוך, זײַנען איינגעשלאָסן פֿראַגמענטן פֿון ש״ע ביידע הקדמות פֿון מ. וו. „יודישע פֿאָלקס־לידער“ אין 1900 און 1914.

געבן מיט „נאַרישקייטן״, וואָס דאָס פֿאָלק האָט ליב, ווײַל עס איז די חכמה פֿון פֿאָלק, וואָרן „אין דעם פֿאָלקסליד האָבן זיך אָפּט מאָל אָפּגעשפּיגלט די אַלע זײַטן פֿון דעם ייִדישן לעבן, וועלכע האָבן געפֿונען אַ שוואַכן אויסדרוק אין דער ליטעראַטור — דעם פּראָדוקט פֿון אינטעליגענטישע שטימונגען״ [11].

אים האָט זיך אַפֿילו נישט געחלומט צו ווערן אַ ליטעראַט. אַז ער האָט זײַנע לידער אַפֿילו נישט פֿאַרצייכנט! זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן זכּרון. און ש״ע האָט לאַנג באַדאַרפֿט אין אים אַרײַנרעדן, ער זאָל זיי אויפֿשרײַבן. צו וואָס? ער האָט זיי טאַקע ליב געהאַט, פּונקט ווי זײַנע פֿרײַנד האָבן זיי ליב געהאַט, אָבער נישט ער האָט זיך פֿאַר אַ דיכטער געהאַלטן, נישט די פֿרײַנד האָבן אין זיי געזען אַ דויערנדיקן ווערט. ביז ש״ע האָט זיי די אויגן געעפֿנט, אויסגעווירקט אין די ציוניסטישע קרײַזן, ווו ער פֿלעגט זיי זינגען, מ׳זאָל זיי אַרויסגעבן אין בוכפֿאָרעם, איין מאָל, אַ צווייט מאָל, די מוזיק דרוקן אין אַ באַזונדערן אַלבאָם, און איז מיט אים אַרומגעפֿאָרן אויף קאָנצערטן. און טאָמער איז יואל ענגעל אַרויס מיט אַ ויצעקו, איין מאָל און אַ צווייט מאָל [12], באשר די מוזיק איז פֿון קאַדרילן, וואַלסן און פּאָלקעס, האָט ש״ע אַזוי מיט אים אַ פּאָלעמיזיר געטאָן [13], אַז דער אַקאַדעמיקער־קאָמפּאָזיטאָר איז אַרויס פֿון די כּלים און געפּרוווט אויסלאַכן דעם קלאַסיקער פֿון ייִדישן געלעכטער [14].

---

[11] ש. אַנ־סקי: „וועגן דעם ייִדישן פֿאָלקסליד״, אין „געזאַמלטע שריפֿטן״ ב׳ 15, וואַרשע, 1925, ז׳ 171.

[12] אויף זיין קריטיק אין פּעטערבורגער Восходъ נ׳ 18 האָט וו. אָפּגעענטפֿערט אין נ׳ 25, אָבער ע. האָט גלייך אונטערן ענטפֿער איבערגעחזרט זיינע האַרבע טענות צו דער מוזיק.

[13] דערביי אַנגעוויזן, אין „דער יוד״, נ׳ 24 פֿון 1901, אין „אַ בריוו צום ה׳ ענגעל פֿונ׳ם „וואָסחאָד״, אַז ביי גינזבורג־מאַרעק אין בוך איז זיין „חיגליד״ געדרוקט חי אַ פֿאָלקסליד.

[14] ע. האָט פֿאַרענדיקט זיין פּאָלעמיק אַנרופֿנדיק ש״ע — „פֿאָלקסשרייבער״ (אין גענדזנפֿיסלעך)...

ענגעל איז געווען אַן אַדוואָקאַט, פּונקט ווי וואַרשאַווסקי, נאָר ענגעל איז געקומען צו ייִדישער מוזיק פֿאַרפּאַנצערט מיט וויסנשאַפֿטלעכע קאָנצעפּציעס וועגן פֿאָלקלאָר. און וואָס פּרעציזער עס זײַנען געוואָרן זײַנע טעאָריעס וועגן פֿאָלקשאַפֿן, אַלץ מער אָנגעזען זײַן נאָמען־בײַם אָפּעררירן מיט פֿאָלקס־נוסחאות, אַלץ מער האָבן זײַן שאַפֿן אינטערפּרעטירט קינסטלערס און אַלץ ווייניקער — דאָס פֿאָלק גופֿא... ביז עס איז קיינעם נישט אײַנגעפֿאַלן צו לאָזן הערן אָדער אָפּדרוקן זײַנע באַאַרבעטע פֿאָלקס־ניגונים אָן זײַן נאָמען, אַנאָנים.

וואַרשאַווסקי, להיפּוך, איז געווען ווײַט פֿון אַלע פּרעטענזיעס און קאָנצעפּציעס, אַזוי וועגן קונסט, ווי וועגן פֿאָלקלאָר. אין אים איז אויפֿגעהיט געוואָרן די נשמה פֿון געזונטן פֿאָלקסמענטש. די אַלטמאָדישע, פּסעוודאָקלאַסישע שולבילדונג פֿון צאַרישן רוסלאַנד, געבויט אויף רוטין פֿון חזרן מעכאַניש אויף אויסנווייניק, וואָרט בײַ וואָרט, פֿײַנטלעך צו אימפּראָוויזאַציע, ווי זי איז פֿײַנטלעך צום פֿרײַען געדאַנק, האָט דעם עכטן פֿאָלקסמענטש נישט איבערגעאַנדערשט. אין אים זײַנען גאַנץ געבליבן די וואָרצלען פֿון פֿאָלקס־אינסטינקט. פּרימיטיוו. אינטויִטיוו.

מאַרק וואַרשאַווסקי איז אַ פּרעכטיקער בײַשפּיל פֿון אַן אינטעליגענט, וואָס האָט אין זיך קאָנסערווירט דעם קערנדיקן פֿאָלקסמענטש אַפֿילו נאָכן אוניווערסיטעט און אַלע אַדוואָקאַטישע וואַנדלונגען.

דער אינטעליגענט וואַרשאַווסקי האָט גערעדט ווי אַן עמכניק און געזונגען ווי אַן עמכניק. מיט דער ערלעכקייט און האַרציקייט פֿון אַן עמכניק, וואָס רופֿט־אַרויס אַ ציטער...

מיט דער עמכדיקער ערלעכקייט און האַרציקייט, בעת די טעמאַטיק איז בײַ אים אַזוי אַנטוויקלט און קאָנצענטרירט, ווי עס קענען נאָר פּאָעטן, איז וואַרשאַווסקי אַ מוסטער פֿון אַ פֿאָלקסדיכטער אויפֿן שוועל פֿון 20סטן י״ה. צי ער האָט געזונגען פֿון חדר אָדער ימים־טובֿים, וועגן אַרבעט אָדער נויט, פֿון רדיפֿות אָדער עמיגראַציע, וועגן משפּחה־ליבשאַפֿט אָדער בענקשאַפֿט נאָך ציון — אין אַלע לידער האָט דער כּלל זיך געפֿונען און דערפֿאַר געוואָלט זיך

אידענטיפיצירן מיט די געפילן פון דיכטער. זינגענדיק זײַנע לידער, האָט דער עולם געפילט, ווי ער אַליין וואָלט זיי פאַרפאַסט... און ווי־באַלד אַזוי, צו וואָס־זשע דער נאָמען? איז בעסער זיי זאָלן בלײַבן אַנאָנים. האָט מען אַזוי, אונטערבאַוווסטזיניק, און אַ טייל בפירוש באַוווסטזיניק, אויפגעהערט אָנגעבן דעם נאָמען פון מחבר.

וואַרשאַווסקיס מזל צו ווערן אַנאָנים איז אין לשער. נישטאָ אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך איין דיכטער, וואָס אַזוי פיל געזאַנגען זײַנע זאָלן פאָפּולער ווערן ווי אַנאָנימע פאָלקסלידער, טייל נישט אונטער די ריכטיקע טיטלען, בײַ אַנדערע איז דער טעקסט פאַר־קריפּלט און — ווי דער שטייגער בײַ אַנאָנימע שאַפונגען — אַראָפּ־גענומען אָדער צוגעגעבן, נישט בלויז בײַם זינגען, פון אויסנווייניק, נאָר אויך אין דרוק. נישט בלויז „דאָס פאָלק" האָט זיך דאָס דער־לויבט, נאָר אויך אינטעליגענטן, פײַנשמעקערס (נישט דווקא צוליב פײַנשמעקעריי) און אַפילו אין שולן.

אין אַלבאָם פון דער אוניווערסאַלער פאָלקלאָריסטן איזאַ קרע־מער, אַרויסגעגעבן פון אַ וועלט־באַרימטן ענגלישן פאַרלאַג, זײַנען דאָ בלויז דרײַ לידער פון אַ דיכטער מיט אַ נאָמען, ז. וו. דרײַ לידער — וואַרשאַווסקיס נאָמען ווערט אָבער נישט אָנגעגעבן[15]. און די טיטלען? „די ראָד" ווערט אָנגערופן „די מיזינקע" און „אַ פריילעכס" הייסט „די מחותנים גייען". און וואַרשאַווסקיס „אַ יידיש ליד פון רומעניע" ווערט גאָר אין אַלבאָם אָנגערופן — — — „די פּוילישע יידן". דערבײַ איז כאַראַקטעריסטיש אַזאַ „אויסבעסערונג":

בײַ וואַרשאַווסקין שטייט —
„איך הער זיי ווי דעם טאַטערן!"

אָבער בײַ איזאַ קרעמער —
"Ich her sei wie dem Kutter"...

אין די צוויי נײַסטע און פאָפּולערסטע זאַמלביכער פון יידישן געזאַנג ווערט אונטער ז. נאָמען געדרוקט איינע פון די באַליבט־

15 Jsa Kremer: "*Album of Jewish Folk-Songs*", ed. Chapelli, London, MCMXXX.

סטע טישלידער, „יום־טובֿדיקע טעג״[16]. ביי וואַרשאַווסקין הייסט אָבער דאָס ליד גאָר „דאָס פריילעכע שניידערל״ און עס הייבט זיך גאָר אָן, נישט מיט דער קלינג־שורה „אַז די יום־טובֿדיקע טעג הייבן זיך אָן צו באַוויזן״, נאָר „אַז דער יום־טובֿ הייבט זיך אָן צו באַוויזן״...

ממש אַ ביישפּיל פון הפקרות האָט אָן „אויסבעסערער״ געוויזן אין דעם ליד „דער פֿאָדעם״, וואָס סאָפּראַנאָס האָבן ליב צו זינגען אויף קאָנצערטן: נישט בלויז צוגעלייגט ווערטער, כּדי זיי זאָלן שטימען מיט דער מוזיק, נאָר אויך אַרויסגעוואָרפן פיינע פערזן און אַריינגעבראַכט סתם רייד[17].

בײַ וואַרשאַווסקין שטייט —	אָבער אין „ציונס האַרפֿע״ —
„די זון האָט זיך באַהאַלטן,	„די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
איך שיין איז שוין ניטאָ.	איר שיין איז שוין נישטאָ.
איך ניי און ניי,	איך ניי און ניי,
איך זע, און זע,	איך זע, און זע,
די נאַכט — זי איז שוין דאָ.	די נאַכט — זי איז שוין דאָ.
יעדער שטאָך מיט דער נאָדל	מען זעט נישט קיין דאָדיען,
טוט מיר אַ שטאָך אין האַרצן,	ער קומט שוין נישט מער,
קיינער ווייס ניט מיין פּיין	אויפן האַרצן איז מיר
און מיינע שמאַרצן״.	זייער שווער״.

טאָמער איז ביי וואַרשאַווסקין דאָ דער נאָמען דוד, האָט פון אים דער רעדאַקטאָר געמאַכט אַ „דאָדיע״...

דאָס איז, אַ פּנים, דער פּרייז פאַר ווערן אַנאָנים און פּאָפּולער: דער גורל פון פֿאָלקסלידער.

---

[16] „זינג איך מיר״, צוז׳ מיכל געלבאַרט, אַר׳ „אַרבעטער־רינג״, 3טע אויפלאַגע, נ״י, 10.000 עקז׳, 1945, ז׳ 100. — „דורות זינגען״, רעד׳ שמואל בוגאַטש, אַר׳ „פֿאַרבאַנד־פֿאַרלאַג״, נ״י, 1951, ז׳ 168.

[17] „ציונס האַרפֿע״, רעד׳ חגי און קעסטקינד, וואַרשע (1917?).

באַשרײַבער, באַזינגער און אויסטײַטשער

מאַרק וואַרשאַווסקי איז פֿון דער נאַטור אַ ליריקער. ער האָט ליב צו ריידן בלשון איך אַפֿילו ווען ער איז באַשרײַבעריש און אויסטײַטשעריש, אַפֿילו ווען ער באַניצט די פֿאָרעם פֿון דיאַלאָג און צומאָל רעטאָריק. איבער אַלץ איז בײַ אים דער סענטימענט. ווי שילדעריש ער זאָל זײַן, איז ער קיין מאָל נישט אָביעקטיוו. שטייט קיין מאָל נישט מן הצד, נאָר תמיד איז ער אַליין אינעם צענטער. „דער שטיין" איז אַן עדות:

„טרערן ליגן אין די לידער,
אויפֿן האַרץ אַ שטיין...
אוי, איר, וועלטן, אוי, איר, ברידער,
הערט איר מײַן געוויינ?"

ווען ער איז אַליין, באַהערשט אים געוויין. נאָר פֿאַראַן אַ געוויין, וואָס מאַכט גרינגער און אַזאַ וואָס מאַכט שווערער. אים ווערט שווערער, ווען ער האָט נישט קיין צוהערער. ער דערמאַנט זיך „דעם אַדלערס קלאָג" — זײַן קלאָג — פֿאַרגייט אים דער געלעכטער. ווי אַנדערש?

„איך האָב אויך אַמאָל גרויסע פֿליגל געהאַט...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
קינדער, אוי, זאָגט מיר, ווו זײַט איר אַצינד?
— — — — — — — — — — — — — — — — —
וואָס טויג מיר מײַן לעבן, איך וויל עס שוין ניט,
אַז כ'האָב מײַנע פֿליגל ניט מער!".

ער פֿילט זיך שוואַך, ממש הילפֿלאָז, ווען ער איז אַליין, ס'באַפֿאַלט אים אַ דערדריקנדיקער טרויער; מאַכט ער אַ חשבון פֿון זײַן לעבן, אין זײַן ליד — „טרערן":

„איינס קען איך דיר זאָגן, איינס קען איך דיר שווערן:
מײַן האַרץ האָב איך אויסגעוויינט לאַנג שטילערהייט,
ווען קיינער פֿון אײַך פֿלעגט ניט זען מײַנע טרערן,

װען גאָט נאָר אַלײן פּלעג אין שטילן מיך הערן,
פּלעג גרינגער מיר װערן מײן צער, מײן לײדן..."

עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, װאָס די פֿערזן פֿון אײנ־זאַמקײט זײַנען: 1) װאַרשאַװסקיס רײַפֿסטע לידער, שרײַבעריש רײַ־כער, מיט פֿײַנערן ריטעם און גראַם, און געהערן צו די בעסטע פֿון דער ייִדישער ליריק סוף 19טן י"ה; 2) צום װײניקסטן באַקאַנט; 3) על פּי רובֿ אָן מוזיק (אָדער זי איז צו אונדז נישט דערגאַנגען).

די דאָזיקע איך־לידער פֿאַרצײכענען טײל מאָל קאָלעקטיװע שטימונגען. אַזױ װי די צײַטן זײַנען געװען ביטערע, אױפֿן מויל פֿון זשורנאַליסט און פּובליציסט איז געלעגן אַ שלאָס פֿון צענזור, פֿאַר־פֿאָלגונגען און פּאָגראָמען האָבן פּסדר באַדראָעט, האָט װ. אױסגענוצט זײַן איך־געװײן, צו לאָזן דורך אים הערן דעם צער פֿון כּלל. אַזױ לאָזט ער הערן „אױף דעם אַלטן בית־עולם" פּרעכטיקע פֿערזן פֿון נאַציאָנאַלן פּאַטאָס:

„אױ, איר, ייִדישע טרערן, פֿאַרזאָדן מיט בלוט,
אױ, איר, ייִדישע טרערן — װוּ זענט איר דען ביטז!
װי פֿאַרפֿרױרן, פֿאַרקאַװעט פֿון װינט און פֿון קעלט,
װאַקסן־אױס פֿון אײך שטײנער — פֿון שטײנער אַ װעלט!"

ער װערט אָבער גאָר אַן אַנדערער, װען ער קומט צו דער װעלט, מעג זי זײַן „פֿון שטײנער". געפֿינט ער זיך מיט נאָך מענטשן, צוזאַמען, ראַנגלט ער זיך און לאָזט זיך נישט דערדריקן. מעג אים זײַן װי אָנגעזאָליעט אױפֿן האַרצן, זינגט ער, כאָטש „עס זינגט זיך נישט", כאָטש „דאָס לעבן איז פֿאַרביטערט, ברידער"...

פֿאַר װאָס צו זײַן פֿאַרביטערט — פֿעלט נישט. װאַרשאַװסקיס לידער זײַנען בילדער פֿון ייִדישן לעבן און פֿון ייִדישע שטימונגען אין זײַן צײַט. װײניק לידער און דאָך אַ שפֿע פֿון טעמעס! מיט דעם דערװײַטערט זיך װ. פֿון פֿאָלקסלידער — ער איז טעמאַטיש רײַך, קאָנצענטרירט און רעאַגירט אױף אַ סך לעבנספֿראַגעס, אַ סך מער װי מ'טרעפֿט אין אַנאָנימע פֿאָלקסלידער. מ'דערפֿילט גלײַך דעם

פּאָעט. אַט גיט ער אַ בילד פֿון דלות און אַט פֿון רדיפֿות און פּאָגראָ־מען, „ווי האַלט איך דאָס אויס?‟ — פֿרעגט דער דיכטער און ער ענטפֿערט, ברענגענדיק עדות — לידער...

דער מילנער זעט, ווי „די רעדער דרייען זיך, די יאָרן גייען זיך און אויך מיט זיי גייט־אויס דער ייִד‟; דאָס איז, פֿילן מיר, בעיקר דערפֿאַר, ווײַל „עלנט בין איך ווי אַ שטיין‟, נישטאָ פֿאַר וועמען צו קעמפֿן... וואַנדערט מען. ס'טוט וויי, וואָס מ'דאַרף עמיגרירן און פֿאַר־לאָזן „ווו געוואַקסן, ווו געבוירן‟ און „טאַטע־מאַמע אַליין‟, דאָך נעמט מען „די שיף‟ — דאָס ייִדישע לעבן אַליין איז געגליכן צו אַ שיף...

נאָר אויך די, וואָס עמיגרירן נישט, פֿאַרלירן זיך נישט, אַבי זיי זײַנען נישט אַליין. ווײַל „כאָטש כ'בין פֿאַרשאָלטן דאָ‟, דאָך — „גאָט איז אַ פֿאָטער‟! אַזוי שמועסן זיך דורך משה און יאַנקל — אונדזערע משהס און יאַנקלס — און מיר דערהערן בײַ וואַרשאַווסקין „נעבן קלייזל‟ רייד, וואָס פּאַסן, אַז שלום עליכמס טביה דער מיל־כיקער זאָל זיי אַזוי פֿאַרטײַטשן —

„דאָס לעבן איז צוקער־זיס:
איך ווער פֿאַרשוואַרצט פֿון דעם קאָפּ ביז די פֿיס...‟

שמייכל, הומאָר, אין דעם נוסח פֿון שלום עליכמס געלעכטער, שמייכל דורך טרערן, איז אַ גרונטשטריך אין וואַרשאַווסקיס לידער, ווו ייִדן זײַנען צוזאַמען. ווער שמועסט נאָך, אַז עס איז אַ שׂמחהלע, אַ יום־טובֿ? פֿאַרגעסט „דאָס פֿריילעכע שנײַדערל‟ נישט בלויז אין דלות, נאָר ס'קומט אים אַפֿילו אויפֿן געדאַנק אַ סוף צו מאַכן צו אַלע מלחמות: אַנשטאָט צוויי מלוכות זאָלן גיין זיך שלאָגן, זאָלן זיי „בעסער גיין צו אַ דין־תּורה‟...

היינט „שׂמחת־תּורה‟? ווער ווייסט עס נישט, אַז „תּורה איז די בעסטע סחורה‟? דער דמיון צעשפּילט זיך און „רענדלעך שיטן זיך פֿון די זעק‟... פֿאַרוואָס איז דאָס אַלץ? ווײַל:

„דאָס לעבן איז ליבו‟

וו. איז דער ערשטער יידישער דיכטער, וואָס אַ ריי לידער זײַנע אָטעמען מיט עכטער יידישער קינדישקייט. ביז אים האָט קיינער אויף יידיש נישט געשריבן אַזוי, אַז קינדער זאָלן צו דעם צוגעזאָגט ווערן. ער האָט נישט געשריבן פֿאַר קינדער, דאָך זײַנען זיי פֿאַר זיי. דערפֿאַר האָבן די יידישע שולן אים אויפֿגעכאַפּט ווי אַן אבֿן טובֿ. עס האָט נאָך דעמאָלט געפֿעלט עכטע יידישע קינדער־ליטעראַטור; פֿאָלקלאָר איז געווען דער איינציקער קוואַל. דערפֿאַר איז באַליבט געוואָרן אין די יידישע שולן אויף דער גאַנצער וועלט „דער אלף־בית" און „דער ווינטער". דער דיכטער האָט זיך דאָ באַוויזן ווי אַ פּייזאַזשיסט מיט הומאָר. ער מאָלט דעם ווינטער, ווי עס פּאַסט פֿאַר דעם שטיפֿערישן מאָטל פּייסי דעם חזנס:

„דורך טאָל און וועלדער יאָגט ער,
געהויקערט צו דער ערד,
מיט זיך אַ בעזעם טראָגט ער —
און קערט, און קערט, און קערט!"

אין שטוב איז געפּרווירן צו ווערן, די ליגט קראַנק, די קען פֿון בעט נישט אַרויס, און „אין פֿענצטער ווייַנט דער ווינט". אָבער —

„ער שווייגט, דער אַלטער זיידע,
ער מאַכט זיך ניט פֿון דעם;
ער לאַכט אין די פּויסטן ביידע
און שאָקלט מיט דער ברעם..."

אין וואַרשאַווסקיס לידער איז דאָ טעאַטראַלישקייט — נישט קיין פּאָזע, קיין ברעקל אָנשטעל — עכטע שפּילעוודיקייט. אייניקע בעטן זיך ממש, מ׳זאָל זיי אויסשפּילן בײַם זינגען, מיטן פּנים און בגדים פֿון די מענטשן, וועלכע זיי שטעלן־פֿאָר. ווי „תּנחום דער טרובאַטש", וואָס איז אַ פֿאַרביקע שאַפֿונג פֿאַר קלײַנקונסט. דאָ איז פֿאַראַן קערנדיקער טיפֿ און היסטאָרישער מאָטיוו, דראַמאַטיזם און — פלאָץ פֿאַר דיסקוסיע. תּנחום איז ווי אַ תּשובֿה אויף דער פֿראַגע, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ גרויס אָרט אין 19טן י"ה, צי דינען „פּאַניען",

דעם צאַר, הייסט עס, איז גוט אָדער שלעכט פֿאַר ייִדן. די משפּילים האָבן עס געהאַלטן פֿאַר אַ ברכה (אַפֿילו דער מילדער עטינגער האָט אַזוי אויף דעם געקוקט). אַנטקעגן די העצרייד, אַז ייִדן האָבן נישט ליב דאָס לאַנד און ווילן עס נישט פֿאַרטיידיקן אין אַן עת צרה, איז תּנחום — אַן אַפּליקענונג. ער שטראַלט, ווען ער דערמאָנט, ווי ער האָט געשפּילט אין אָרקעסטער אויפֿן שלאַכטפֿעלד, בעת פֿון אַלע זײַטן זײַנען געפֿאַלן קוילן. ער האָלט פֿאַר אַ יחוס, וואָס „פֿאַלן וועל איך געבן דער פֿאָן". און אַז ער קומט צוריק אַהיים נאָר מיט איין פֿוס, און זײַן רחלע, ווען זי דערזעט אים, פֿאַלט חלשות, טרייסט ער זי: „צי מיט אַ פֿוס, צי אָן אַ פֿוס", איז נישט אַזוי וויכטיק; וויבאַלד „דער קייסער אַליין" האָט אים אַ מעדאַל געגעבן, איז שוין קיין פֿראַגע נישט, אַז „הונדערט יאָר וועל איך לעבן"...

וואַרשאַווסקי באַוווּנדערט זיך, אי ווי באַשרײַבער, אי ווי באַזינגער, אי ווי אויסטײַטשער.

פֿון משפּחה-קולט צו פֿאָלקס-קולט

נאָר די סענטימענטאַליסטע טענער שלאָגט-אָן ווו. אין מאָטיוון פֿון משפּחה-לעבן. ער שטעלט-פֿאַר די ייִדישע פֿאַמיליע ווי אַ מוסטער פֿון צונויפֿגעבונדנקייט און טרײַשאַפֿט. באַזינגט די שיינקייט פֿון די ייִדישע טעכטער און די ריינקייט פֿון חתונה-געהאַטן לעבן. „שׂרה און רבֿקה" דערמאָנען דעם ווילן בחור, אַז „איך בין דיר ניט האַפּקע, דו ביסט ניט פֿעדאָט... דו ווילסט אַ קוש — שטעל פֿריִער אַ חופּה"...

„דער שדכן משה אהרן" האָט שוין אָבער צו דערציילן גאָר עפּעס אַנדערש. אין אַ מין מאָנאָלאָג, פֿעליעטאָניסטיש, זינגענדיק, רעדט ער זיך אָראָפּ פֿון האַרצן וועגן די נײַע מאָדעס, וואָס מאַכן אַ תּל פֿון די טראַדיציעס: „דאָ מוז מען זײַן אַ דאָקטער אַ ביסל און טאָקע אַ שטיקל אַדוואָקאַט"... וואַרשאַווסקיס שדכן אין גראַמען דערמאָנט אונדז די שדכנים אין שלום עליכמס „מנחם מענדל".

אין וואַרשאַווסקין האָט געשטעקט אַ טעאַטראַל, וואָס האָט נישט געפּונען זיין פולן תיקון.

די דאָזיקע טעאַטראַלישקייט שפּילט־אַרויס מיט באַזונדערן חן פון דעם ציקל „צום באַדעקנס דער כלה״; יידישע מאָראַל און טאַנץ גייען געפּאָרט. מען הוליעט, אָבער מ׳פאַרגעסט נישט אויף קיין איין מאָמענט, אַז מען איז יידן. אַפילו דערמאָנט מען דער כלה׳ניו די פליכטן, וואָס זי האָט, ווי אַ יידישע טאָכטער און, שפּעטער, ווי אַ יידישע מאַמע; אַז „יעדער מענטש איז אָרעם, ווי רייך ער וואָלט נישט געווען — אַזוי זאָגן אונדזערע ספרים״; און —

„אַז ווייניגן הייסט ביי אונדז לעבן״!

פאַרגיסן טרערן איז אַ נאָרמאַלע זאַך אינעם יידישן לעבן און מ׳דאַרף פון דעם זיך נישט לאָזן דערדריקן. פונקט ווי מ׳דאַרף נישט נתפּעל ווערן פון עשירות. אויב מ׳ווייסט דאָס, לאָזט מען זיך אַוועק אין אַ טענצל, פריער פון כלהס צד, דערנאָך חתנס צד. ווען מ׳דערמאָנט דרשה־געשאַנק, שטרייכט מען אונטער, אַז מ׳האָט „טייע־רע ווייניגן אַן אַ צאָל מיר געשיקט פון ארץ־ישראל״, מ׳כאַפּט זיך קושן און אַפילו די קלענסטע פון דער משפּחה גיט מען אָפּ די גרעסטע כיבודים. יידישלעך!

היינט, אַז עס איז געוואָרן פופציק יאָר, ווי עס לעבן אינאיינעם „דער זיידע מיט דער באָבע״ — ערשט דעמאָלט זעט מען די צונויפ־געבונדנקייט אין דער יידישער משפּחה! „די אייניקלעך האָבן גע־וואָרט שוין פון אין דער פרי״ אויף דער שמחה. אַ קליינינקייט, די משפּחה!

פון אַזאַ צוגעבונדנקייט בלייבן אַ סך פעדעם גאַנץ, אַפילו ווען די משפּחה צעפּאַלט זיך, ווען מ׳איז געצוווּנגען אויסצוואַנדערן, עמיגרירן. טרייסט די טאָכטער אין „אַ בריוו פון אַמעריקע״ די מאַמע אירע, אַז די קינדערלעך וואַקסן נישט קיין גוים, אַז זיי דערקענען „דער באָבעניוס פּאָרטרעט״, און בעט, אַז ווען זי וועט צו יאָרצייט,

ערבֿ שבֿועות, גייען אויפֿן בית־עולם, „זאָלסטו דאָרט דעם טאַטן זאָגן, אַז איך שיק אים אָפּ אַ גרוס"...

ביי אַזאַ משפּחה־קולט איז נישט קיין חידוש, אויב די פֿאַמי־ליאַרע סענטימענטן גייען־אַריבער צום פֿאָלק. אַ משפּחה איז דאָך אַ פֿאָלק אין מיניאַטור!

„דער בעכער" איז אַזאַ ליד: אַ פֿון משפּחה־אחדות, אַ גענאַנג צום פֿאָלק. ווי אַ סימבאָל קלינגען די פֿערזן:

„פֿון דעם דאָזיקן בעכער,
ער גלאַנצט אַזוי שיין,
האָט געטרונקען מיין זיידע,
מיין זיידע אַליין".

אַ ציטער גייט־אַדורך, ווען מ'האַלט דעם בעכער. ווי אַ הייליקע ירושה, ווי אַ צוואה. ווי דורות פֿאַרשוווּנדענע וואָלטן מיטאַמאָל אויפֿ־געטויכט... „מיין זיידע אַליין"! אַזוי פֿיל זיך אַנגעהערט וועגן אים... שוין נישטאָ, אָבער ער איז דאָ! ווען מ'האַלט דעם בעכער, פֿילט מען, ווי מ'וואָלט אַ שבֿועה געגעבן צו האַלטן און אָפּהיטן דעם „בע־כער", פּונקט ווי דער זיידע אים האַלטן „אינזן און שטאָל", סיי אין גוטע צייטן, סיי אין „שלעכטע צייטן, ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל"... נישט פֿאַרלאָזן דעם „בעכער", נישט פֿאַרקויפֿן אים, נישט פֿאַרבייטן...

„דער בעכער" איז דער סימבאָל פֿון ייִדן און ייִדישקייט.

דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער ייִד אין פֿאָלקסטימלעכן ליד

„דער בעכער" איז איינער פֿון די שטאַרקסטע נאַציאָנאַלע מאָ־טיוון אין דער ייִדישער פּאָעזיע. אויפֿן שוועל פֿון 20סטן י"ה איז אַזאַ נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק געווען אַן אַנטפּלעקונג. אמת, דער רוסיש־ייִדישער פֿרוג און בדחנישער צונזער האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אַ שם מיט זייערע ציוניסטישע לידער, נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק האָט זיך גענומען איבערקומפֿן אַ פּראָמינענט אָרט — דער ערשטער ציו־ניסטישער קאָנגרעס אין 1897 איז געווען אַ מיילשטיין פֿאַר אַ נייער

תּקופה — דאָך האָט געפעלט דאָס אינטימע ליד, וואָס זאָל אויס־דריקן די נײַע בענקשאַפט.

צו־ביטער זײַנען געווען די טאָג־דאגות פון דער ייִדישער מאַסע, אַז דער אויפוואַכנדיקער ייִדישער דיכטער, וואָס איז על פּי רוב גע־קומען פון דלות, זאָל נישט האַלטן פאַר זײַן לעבנסחוב צו געבן אויסדרוק דער דאָזיקער פאַרביטערונג. די גרינדונג פון „אַרבעטער־בונד“ אין 1897 — פּונקט אינעם זעלביקן יאָר, וואָס דער פּאָליטישער ציוניזם — האָט סינקראָניזירט דעם סאָציאַלן פּראָטעסט און מאָבי־ליזירט צום קאַמף פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פון דעם האָרע־פּאַשניק. אונטער דעם צייכן געפינט זיך די ייִדישע פּאָעזיע בײַם אָנהייב פון י״ה. לידער פון א. וואַלט (דעם שפּעטערדיקן א. ליעסין), מאָריס ווינטשעווסקי, ש. אַנ־סקי און י. ל. פּרצעס בונטאַרישע פערזן באַהערשן די מאַסע אין רוסלאַנד. אין אַמעריקע ווערט יעדער נאַ־ציאָנאַלער אויסדרוק געשטעלט אונטערן חשד פון שאָוויניזם — אַ סכּנה פאַר דעם באַוווּסטזײַן פון דער פאַרשקלאַפטער ייִדישער אַרבע־טערשאַפט... צונזערס לידער ווערן אַנגעוויזן אויף ענגע קרײַזן פון באַלעבאַטישע ייִדן און פרוג — אויף דער אינטעליגענץ.

מאָרק וואַרשאַווסקי איז דער ערשטער נאַציאָנאַלער דיכטער, וואָס האָט אויך מיטגעריסן די ייִדישע אַרבעטער־מאַסע.

וואַרשאַווסקי, דער דיכטער פון פאָלקסטאָן, אין נוסח פון עמך, שער און אַבֿיון, איז דערפאַר געווען פּריווילעגירט. זײַן אינטימער טאָן, זײַן רעאַגירן אויף אַקטועלע לעבנספראַגן, זײַן זינגען פּאָעטיש פאַר די משהס און יאַנקלס האָט פאַר אים געעפנט אַלע טירן פון פאָלק. אַפילו אין ייִדישע שולביכער, צונויפגעשטעלטע פון אפּיקור־סים, וועלכע האָבן אויסגעמיטן דאָס וואָרט „גאָט“, איז געדרוקט גע־וואָרן „דאָס ליד פון דעם ברויט“, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווער־טער „גרויסער גאָט!“... דאָס איז געווען אײן זכות פון לויבגעזאַנג צו אַרבעט — וואַרשאַווסקי האָט געוויזן ייִדן וואָס האָרעווען אויף די פעל־דער — כּדי עס זאָלן „אונדזערע קינדער וויסן פון אַ לעבן אויף דער וועלט“... מ׳ווינט נישט, מ׳אַנטלויפט נישט פון דער אַרבעט. אדרבה:

„לאָזן אונדזערע קינדער וויסן
פון אַ לעבן אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט און יעדער ביסן
איז פון אונדזער אייגן פעלד״.

דער דאָזיקער דיכטער, וואָס האָט אַזוי באַזונגען יידישע האָרעפּאַשניקעס און אַרבעט, האָט לײַכטער ווי ווער עס איז געקענט צוקומען צו דער מאָסע מיטן „בעכער״ און זינגענדיק אַרײַנברענגען דעם נאַציאָנאַלן גײַסט אַפילו דאָרטן, ווו מ׳האָט זיך געשראָקן פֿאַר נאַציאָנאַלע שטימונגען ווי פֿאַר „רעאַקציע״...

אונטערבאַוווסטזיניק, אָן טעאָריעס, אָן הנחות, אינטויִטיוו, האָט מאַרק וואַרשאַווסקי זיך צוגעקראָגן צום מאָדערנעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, ריידנדיק פֿון הארץ צו האַרץ, ווי עמך האָט ליב צו טראַכטן: מיטן האַרץ.

נאָך דעם ווי די השׂפּלה האָט דורך פֿאַרשיידענע אופֿנים געזוכט צו פֿאַרמיאוסן דעם חדר און טויזנטער יידן, אַפילו באַלעבאַטישע, האָבן גענומען אויף אים קוקן דורך יואל לינעצקיס ברילן, ווי „דאָס פוילישע ייִנגל״, האָט וו. אַרײַנגעבראַכט גאָר אַן אַנדערע באַציִונג צום „קמץ אלף — אָ״, וואָס איז פֿון די משׂכּילים און פּיאָנערן פֿון פּראָלעטאַרישקייט אויסגעלאַכט געוואָרן אויף אַלערליי טענער. אבֿרהם גאָלדפֿאַדען איז אָנגעקומען אַזש צום בית־המקדש, כּדי צו־ריקצוברענגען יידישע נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק; אָבער וואַרשאַווסקי, דער קיִעווער אַדוואָקאַט, האָט געהאַט מוט צו שטאָלצירן מיטן „קמץ אלף״. אדרבה:

„גליקלעך דער וואָס האָט געלערנט תורה —
צי דאַרף דער מענטש נאָך מער?״.

דער אינטעליגענט, וואָס האָט אָנגעהויבן מיטן אַוועקגיין פֿון אַמאָל, קערט זיך צוריק אום צום אַמאָל — „תורה איז די בעסטע סחורה״ — ער לעבט־אויף די אַלטע לאָזונג, מיט וועלכער מ׳האָט זיך אַ שטיק צײַט געשעמט. נאָך מער. „דער אלף־בית״ איז פֿאַר אים

שוין נישט בלויז א „מיטל" צו לערנען תורה. דער ידישער אות אליין ווערט תורה. זײַן אויסזען, זײַן בילד, ווערט א קוואל פון שפי־רונגען און טראַכטענישן, נישט ווייניקער אפשר ווי די תורה, וואס איז מיטן א״ב געשריבן. דער אלף־בית ווערט דער סימבאל פון ידישקייט. געװנוג, מ׳זאל זיך פאַרקוקן אויף די אותיות מרובעות, אז מ׳זאל דערפילן דעם צער פון דורות און די האפענונגען פון נצח ישראל...

„קוקט איין זיי אריין
— — — — — — — —
וויפל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפל געוויין..."

אזוי איינפאַך און — אזוי טיף! איינפאַך ווי דאס פאלק און טיף ווי דאס לעבן. א מיסטישער כוח איז דא אין די אותיות... ווי א הייליקע צוואה קלינגען די ווערטער:

„זאלט איר פון די אותיות כוח שעפן...!"

נצח ישראל — „אויפן פריפעטשיק"...

טויזנטער יארן לעבן סינטעטיזירט אין אות.

מיט די ווערטער פון זיין „אלף־בית" איז וו. אזוי אריינגעדרונ־גען אין די הערצער פון מיליאנען, אז „אויפן פריפעטשיק" איז גע־וואָרן איינע פון די באַליבטסטע און פאָפולערסטע קלינגווערטער, אפט באַנוצט אין דער זשורנאַליסטיק, פובליציסטיק און אויך אין אונדזער קינסטלערישער פּראָזע און פּאָעזיע, באַנוצט אפילו גאַנץ אפט פאר א טיטל איבער אַרטיקלען צומאל פון פּאָליטיקערס, ווארט־זאָגערס. „אויפן פריפעטשיק" איז געוואָרן א שם־דבר — וואר־שאַווסקיס שם.

געציילטע לידער זיינען געווען גענוג, ער זאל זיך שאפן אזא גרויסן שם. אין דעם זין געהערט וואַרשאַווסקי צו די זעלטנסטע פאַלן אין דער וועלט־ליטעראַטור: אז מיט אזוי ווייניק זאל מען דער־גרייכן אזוי פיל! בסך־הכל קענען מיר זיינע 48 לידער, אריינגע־

רעכנט די וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ערשט אין יאָרן אַרום נאָך זײַן טויט, אַרײַנגערעכנט די וואָס זײַנען גיכער פּראָגראַמען אין פֿערזן איידער ליריק (ווי „דער אמת" און „די וועלט"), אָדער די וואָס זײַנען גיכער רעפּאָרטאַזשן און פֿעליעטאָנען (ווי „די שיף", „אַ בריוו פֿון אַמעריקע" און „דער שדכן משה־אהרן"). די צאָל, אַ דאַנק וועלכער זײַן נאָמען איז אַרײַן אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, געזאַנג און קולטור, וועט נאָך קלענער ווערן, אויב מ'וועט אַראָפּרעכענען יענע לידער, וואָס זײַנען — שווער צו דערקלערן פֿאַר וואָס — פֿאַרבליבן ווייניק באַקאַנט, כאָטש זיי אַפּעלירן עד־היום, ווען די ייִדישע וואָרטקונסט האָט אַזוי ווײַט אַוועקגעשפּאַנט און זיך הויך אַנטוויקלט, מיט זייער פּאָעטישקייט און עמאָציעס, מיט זייער וואַריאַציע פֿון טעמעס, ריטמען און פֿאָרמען.

„אויף קידוש השם" וואָלט אין אונדזער פּאָעטיקאָן אויפֿן שוועל פֿון 20סטן י"ה באַדאַרפֿט זײַן ממש אַ דערהייבעניש און קען ביז הײַנט ווירקן ווי אַ סקיץ פֿאַר אַ פּאַטעטישן ספּעקטאַקל, אַ דיכטעריש בילד פֿון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע, פֿון אויטאָ־דאַ־פֿע און פֿון פֿײַער־דיקן גלויבן אין נצח ישׂראל. דער ייִד ליגט אויפֿן פֿײַער און דער כאָר פֿון כּל ישׂראל טרייסט אים:

„די וועלט וויל אַ קרבן,
ווייגט אַלע מיט;
דער גוף איז געשטאָרבן —
די זעל אָבער ניט!"

„ווייסט דאָך דער מינדסטער
דאָס, וואָס איך זאָג:
תמיד ווערט פֿינצטער
איידער ס'ווערט טאָג".

דאָס איז בײַ וואַרשאַווסקין נישט קיין צופֿעליקער מאָטיוו, ניט סתם אַ טעמע, נאָר אַ גרונטשטריך פֿון זײַן טעמאַטיק: נאַציאָנאַלע העראָיק, אויסגעדריקט דורך אויסדויער, דורכן איבערטראָגן די גרעסטע ליידן מיט עקשנות, אַ מאָל ווײַל „די וועלט וויל אַ קרבן" און אַן אַנדער מאָל ווײַל מ'דאַרף קענען צרות אַראָפּשלינגען מיט אַ שמייכל...

דער פֿאָלקסדיכטער האָט מיט די פּשוטסטע ווערטער אויסגע־

דריקט די מאָדערנסטע יידישע נאַציאָנאַלע קאָנצעפּציע אין „דאָס ליד פון רומעניע", וואָס האָט אין אַן אַנדער צײַט געקענט הייסן „דאָס ליד פון פוילן" אָדער גאָר „דאָס ליד פון ראַטנפאַרבאַנד"...

„אַז מען צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מען מוטשעט מיך פאַמעלעך,
לאָך איך מיך גוט פון מייַנע שונאים אויס
און גיי מיר גאָר אַ פריילעכסו".

פאַרזיסן מיט אַ ביסל הומאָר די צרות, ווי שלום עליכמס טביה דער מילכיקער טוט עס, איז איינער פון די עליקסירן אין מאָדערנעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן און קאַמף:

„זיך מוטשען און זינגען לידער...".

וואַרשאַווסקי, דער וואָס איז דערשלאָגן, ווען ער זינגט וועגן זיך, וועגן אייגענעם לעבן, ווען ער בלײַבט איינער אַליין, ווערט אַן איבערגעקערטער, ווען עס קומט אים אויפן געדאַנק ציון. דעמאָלט ווערן אַלע יידישע ליידן באַגאָסן מיט דער זון פון האָפענונג. דעמאָלט הערט ער די טריט פון דער גאולה. נישט קיין חילוק, צי די טריט זײַנען נאָך ווײַט אָדער נאָענט — אַבי מ'הערט זיי... נישט קיין חילוק, צי די גאולה וועט קומען בײַ זײַן לעבן אָדער נאָך זײַן טויט — אַבי זי זאָל קומען...

„אַז איך וועל אין קבר ליגן,
וועט אַ פייגעלע צופליען,
און וועט זינגען אָט־דעם ניגון
און דאָס לידעלע פון ציון".

אין מינוטן פון צעפּלאַמטער האָפענונג פאַלט ער אַרײַן אין עקס־טאַז און ער זעט, ווי זי איז שוין אויפגעגאַנגען, „די זון":

„די הענט שוין אויפגעבונדן...
צעבראָכן ליגט די קייט...
דער גלות איז פאַרשוואונדן,
פאַרשוואונדן צער און לייד!".

מאַרק וואַרשאַווסקי זינגט־אַרײַן אין דער ייִדישער פּאָעזיע דאָס געזאַנג פֿון חלוציות. „דער ייִד אין וועג", וואָס ער האָט אָנגערופֿן „טרילאָגיע", באַשטייט פֿון דרײַ בילדער — דרײַ עטאַפּן פֿון ייִדישן לעבן — אַ סצענאַריע פֿאַר אַ גרויסן ייִדישן ספּעקטאַקל, וואָס וואַרט אויף דעם קאָמפּאָזיטאָר, אויפֿן דיריגענט פֿון אַ סימפֿאָנישן אָרקעסטער, אויפֿן באַלעטמײַסטער און רעזשיסאָר... די ערשטע סצענע, „דער חלום", שטעלט־פֿאָר דעם פֿאַרמאַטערטן און צעפּײַניקטן ייִדן, אונטערוועגנס, וועלכער דערקוויקט זיך מיטן חלום אין שלאָף, מיטן יום־טובֿ, מיט דעם בילד פֿון ייִדן „וואָס שנײַדן און זאַמלען און בינדן דאָס ברויט" —

„און דער באַרג, און דער טאָל זינגען אַלע: „אחד"...

דאָס צווייטע בילד, „שטיי אויף!", רופֿט צו דערוואַכן — „האָב ניט מורא... דו האָסט געגוג, מײַן האַרץ, געליטן"... און לסוף: „די סעכטער ציונס זינגען":

„די זון שטייט הויך. די וועלדער בליען.
דער ירדן וויגט זיך שטילערהייט.
און דער לבנון קוקט אויף ציון —
די אַלטע מוטער וויינט פֿאַר פֿרייד".

די גאולה, שטעלט־פֿאַר וואַרשאַווסקי, איז נישט קיין ענגהאַרציקע, נישט בלויז פֿאַר זיך. „לשנה הבאה בירושלים" איז בײַ אים באַגלייט מיטן חלום, אַז די מענטשן וועלן ווערן מענטשלעכער. מיר זײַנען דאָך צו דעם באַרופֿן: צו מענטשלעכקייט! „צײַט מיר זײַנען אין גלות — האָט פּרץ נאָך אין 1890 העָרלעך פֿאָרמולירט דעם זין פֿון ייִדישן הומאַניזם — האָבן מיר אויף אונדזער געוויסן, אויף אונדזער יהדות, קיין איינציקן טראָפּן פֿרעמד בלוט; דער פֿעלקער־פֿאַנאַטיזם האָט אונדזער פֿאָן מיט בלאָטע באַשפּריצט. מיר האָבן אים מיט אייגענעם בלוט געוואַשן. און ווײַל מיר זײַנען אין גלות, ווײַל מיר עסן שטענדיק בײַ אַ פֿרעמדן טיש, ווײַל מיר זײַנען אייביקע אומגליקלעכע אורחים אויף דער וועלט, דעריבער האָפֿן מיר צו דער

מענטשהייט, דעריבער איז מענטשלעכקייט אונדזער הייליקסטער אי־דעאַל, דעריבער איז אונדזער עגאָיזם (איינגליבע) די ריינסטע מענטשן־ליבע!״[18]. וואַרשאַווסקי האָט מיט פאָלקסטימלעכער פשטות אַזוי דאָס אויסגעזונגען:

„אַז אַ פרעמדער וועט קומען אין אונדזער לאַנד,
וועלן מיר אים פריינדלעך געבן די האַנט:
נאָר דער קען יענעמס צער פאַרשטיין,
ווער עס האָט געליטן אַליין...״

די דאָזיקע טיפע געפילן פון הומאַניזם מאַניפעסטירט זו. נאָך ביי אַנדערע געלעגנהייטן. נישט בלויז ווען „אַ פרעמדער וועט קומען אין אונדזער לאַנד״, האָפט ער, אַז ייִדן וועלן אים פריינדלעך אויס־שטרעקן די האַנט, נאָר ער איז אַפילו גרייט אויסצושטרעקן די האַנט צום שונא און צומאָל מאַכן פאַר אים אַ לחיים... נאָר באַרימען זיך מיט דעם וויל ער נישט:

„איך וואָלט טרינקען פאַר מיינע שונאים,
נאָר זאָג זיי נישט אויס!״.

און וואָס ער ווינטשט זיך, דאָס ווינטשט ער אַלעמען.

מאַרק וואַרשאַווסקי איז דער דיכטער פון יחדיו.

מאָלט ער אַ ייִדישע שמחה, שטעלט ער פאַר די ייִדן, וואָס האָבן בערג מיט צרות, „טאַקע גלייך מיט אַלע שׂררות״. אָרעם און רייך — אַלע גלייך! דאָס איז אַ ייִדישער יום־טובֿ:

„אַפילו די שטערן מיט דער לבֿנה
זיינען געגאַנגען טרינקען וויין״...

דאָס זיינען די טיף־מענטשלעכסטע „מאָטיוון פון ייִדישער פאָלקס־ליריק, וואָס איר גייסט האָט דעם מחבר זיך איינגעגעבן צו פאַנגען״ און „די מעלאָדיעס זיינען אין זיי אַריינגעדרונגען גלייכצייטיק מיט

[18] י. ל. פרץ — „בילדונג״, אין „אַלע ווערק״, נ״י, 1920, ב׳ 12, ז. 8.

די ווערטער פֿון טעקסט״ [19]. אויב מ׳קען אָנווײַזן אויף נישט־אָריגינעלקייט פֿון דער מוזיק, למשל, אַז דער ניגון פֿון „דער זיידע מיט דער באָבע״ איז פֿון אוקראַיִנישן פֿאָלקסליד „יאַק ניע וויזו פּעטרוסיאַ״, אָדער אַז וו. האָט פֿאַר זײַן „שׂמחת־תּורה״ גענומען דעם ניגון פֿון וועלוול זבארזשערס ליד „אויפֿן ים איז אַמאָל געפֿאָרן״, איז אָבער קיין ספֿק נישט, אַז „זײַן פּאָעטישע שאַפֿונג — איז איינע פֿון אונדזערע קולטורעלע אוצרות״ [20]. אַפֿילו דער מפֿונק אָנערקענט, אַז „לידער ווי „דער אלף־בית״, „פּסח״ א״אַ זײַנען פֿולשטענדיק ווערט אָנגערופֿן צו ווערן פֿאָלקסלידער״ [21].

די סאָוועטישע קריטיק, וועלכע האָט אין ערשטן פּעריאָד פֿון דער רעוואָלוציע געזען אין וואַרשאַווסקין „דעם מערקווערדיקן אַדוואָקאַט־פֿאָלקסדיכטער״ [22], האָט נאָכן פֿאַרקערעווען זיך צום יִדקאָמוניסטישן אַנטינאַציאָנאַליזם געשריבן, אַז „וואַרשאַווסקי האָט מיט זײַנע פֿאָלקלאָרישע אימיטאַציעס אויסגעפֿילט די סאָציאַלע באַשטעלונג פֿון דער באַלעבאַטישער נאַציאָנאַליסטיש־געשטימטער בורזשואַזער און קלייבירגערלעכער אינטעליגענץ פֿון די 90־קער יאָרן״ [23]. צו אַזאַ אויספֿיר קען ברענגען נאָר דער ביטערסטער פֿאַנאַטיזם — האַס צום טיפֿסטן קוואַל פֿון אונדזער לעבן און שאַפֿן, פֿון וועלכן וו. האָט געשעפּט. דער וואָס האָט ליב דאָס ייִדישע לעבן

---

[19] נח פּרילוצקי — Еврейская Энциклопедія פּעטערבורג, ב׳ 5, קאָלים 340.

[20] א. ליטווין — „דאָס ייִדישע פֿאָלקסלעבן אין וואַרשאַווסקיס לידער״, אין „די צוקונפֿט״, נ״י, דעצ׳ 1917.

[21] פּסח קאַפּלאַן — „ייִדישע פֿאָלקסמוזיק״, אין „דער ייִדישער ביבליאָגראַף״, ביאַליסטאָק, תּרע״ה.

[22] ביאָגראַפֿיע פֿון „אידישע ליטעראַטור״, צונ׳ נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, נ. לוריע, ע. פֿינינבערג, רעד׳ מ. לעוויטאַן, קיעוו, 1928, ז׳ 310.

[23] א. ראָזענצווייג — „סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר־ליד״, רעד׳ מ. עריק, פֿאַרלאַג פֿון דער אַלוקראַיִנישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, קיעוו, 1934, ז׳ 17.

אין כּלל געבומען פּילט „אין וואַרשאַווסקיס האַרציקער, תּמימותדיקער פּאָעזיע אַ רירנדיקע ליבע צו דעם ייִדישן פאָלקסלעבן און נאָר אָט־די טיפֿע ליבע קען אונדז געבן צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אַ מאָדערנער קולטור־מענטש האָט זיך געקענט אַראָפּלאָזן אָדער, ריכטיקער געזאָגט, זיך אויפֿהייבן ביז צו דער מדרגה פֿון אַן אמתן פֿאָלקס־דיכטער"[24]. און „דער גרויסער אונטערשייד צווישן וו. א״אַ אַזוי־אָנגערופֿענע פֿאָלקס־פּאָעטן ליגט טאַקע דערין, וואָס ער, וואַרשאַווסקי, האָט די פֿאָלקס־פּאָעזיע פֿאַרטיפֿט, בעת יענע האָבן זי ס׳רובֿ פֿאַרפֿלאַכט; ער האָט צונויפֿגעגאָסן זײַן אייגענע נשמה מיט דער פֿאָלקס־נשמה, זײַן אייגענע פּאָעזיע מיט דער פֿאָלקס־פּאָעזיע — איז דורך דעם אי ער, אי זי רײַכער געוואָרן"[26].

מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי האָט בלי שום ספֿק אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור און קולטור האָט אַזאַ אויפֿמערק געשאָנקען דעם פֿאָלקלאָר. וואָס מער ראַפֿינירטע מײַסטערס זי האָט צוגעקראָגן, אַלץ מער חשיבֿות האָט זי צוגעשריבן דער פֿאָלקסדיכטונג. וואַרשאַווסקיס „פּראָסטע" לידער האָבן געוויזן, וואָס מ׳קען אַלץ דערגרייכן אין דער פּאָעזיע מיט פּשטות. די קלאָרקייט פֿון זײַנע לידער האָט געווירקט, אַז וויפֿל מ׳זאָל זיך וועלן פֿאַרטיפֿן — זאָל מען אַלץ אָפּהיטן די לויטערע קלאָרקייט.

בײַ וואַרשאַווסקין זעט מען, ווי שווער עס איז צו שרײַבן לײַכט.

טראַכט מען זיך אַרײַן אין פֿאָלק, אין זײַן געמיט, כאַראַקטער און גורל, דאַרף מען פֿאַרבעטן צום טיש מאַרק וואַרשאַווסקין — זײַן געזאַנג העלפֿט אונדז טראַכטן מיטן האַרץ.

שמואל ראָזשאַנסקי

---

[34] זלמן רייזען — „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע", ווילנע, 1926, ב׳ 1, קאָל׳ 920—921.

[25] ש. ניגער — „פון דער יודישער ליטעראַטור", אין „יודישע וועלט", ווילנע, 1915, ב׳ 1.

שערבלאַט פון מוזיק־אַלבאָם צו מאַרק וואַרשאַווסקיס לידער (1914)

וויפל אין די אותיות ליגן טרערן...

דער אַלף־בית


Andantino
Oi-fn pri-pe-tchik brent a fa-ie-rl
un in shtub iz heis un der Re-be le-rnt
klei-ne kin-der-lech dem a-lef beis
un der Re-be le-rnt klei-ne kin-der-lech
dem a lef beis Zet she kin-der-lech ge-
denkt sche ta-ie-re wos ir le-rnt do



אויפֿן פּריפּעטשיק * ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף־בית.

זעט־זשע, קינדערלעך, געדענקט־זשע, טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ;
זאָגט־זשע נאָך אַ מאָל און טאַקע נאָך אַ מאָל:
קמץ אַלף — אָ!

---

* דער טייל פֿון אַן אויוון צו וואַרעמען זיך שטייענדיק, זיצנדיק אָדער אָנגעלייגנדיק זיך ווי אויף אַ קאַנאַפּקע. שטאַמט פֿון רוסיש: „פּריפּיעטשאָק". דאָס פּוילישע וואָרט przypiecek ווערט פֿאַרטייטשט: אויוונבאַנק („פּול־שטענדיק פּויליש־יידיש ווערטערבוך", צוזאַמענגעשטעלט לויט די נייסטע מקורים דורך אהרן מאַרק, אונטער דער רעדאַקציע פֿון אַ קאָלעגיע, וואַרשע, 1929). „דער אוצר פֿון דער יידישער שפּראַך" פֿון נחום סטוטשקאָוו, רעד׳ מאַקס ווײַנרײַך, אר׳ ייִוואָ, נ"י 1950, גרופּירט אין „טיילן אויוון": פּיע־קעליק, פּריפּעטשיק.

לערנט, קינדער, מיט גרױס חשק —
אַזױ זאָג איך אײַך אָן;
װער ס'װעט גיכער פֿון אײַך קענען עבֿרי,
דער באַקומט אַ פֿאָן.

זעט־זשע, קינדערלעך — — —

לערנט, קינדער, האָט ניט מורא,
יעדער אָנהײב איז שװער;
גליקלעך דער װאָס האָט געלערנט תּורה —
צי דאַרף דער מענטש נאָך מער?

זעט־זשע, קינדערלעך — — —

איר װעט, קינדער, עלטער װערן,
װעט איר אַלײן פֿאַרשטײן,
װיפֿל אין די אותיות ליגן טרערן
און װיפֿל געװײן...

זעט־זשע, קינדערלעך — — —

אַז איר װעט, קינדער, דעם גלות שלעפּן,
אױסגעמוטשעט זײַן,
זאָלט איר פֿון די אותיות כּח שעפּן —
קוקט אין זײ אַרײַן!

זעט־זשע, קינדערלעך — — —

אױפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הײס.
און דער רבי לערנט קלײנע קינדערלעך
דעם אַלף־בית.

דער בעכער


Maestoso
Ta — ie — re mal — ke ge —
zunt zol — stu zain
gis on dem be — cher in
be — cher dem wain
bim bom — bim bom
bim bom bom bom



טײַערע מלכּה,
געזונט זאָלסט דו זײַן! —
גיס־אָן אין בעכער,
אין בעכער דעם װײַן.

בים־באָם! בים־באָם!
בים־באָם! בים־באָם! } 2 מאָל

פֿון דעם דאָזיקן בעכער,
ער גלאַנצט אַזױ שײן,
האָט געטרונקען מײַן זײדע,
מײַן זײדע אַלײן.
בים־באָם! — — —

געװען שלעכטע צײַטן,
װי עס מאַכט זיך אַ מאָל,
נאָר דעם בעכער האָט ער געהאַלטן —
אײַזן און שטאָל!
בים־באָם! — — —

ער האָט משׂמח געװען אַלע קינדער,
באַקענט איז דאָס דיר,

פונעם טאַטן איז דער בעכער
גענומען צו מיר!
בים־באַם! — — —

טייערע מלכה,
געזונט זאָלסט דו זיין! —
פאַר וועמען זאָל איך טרינקען
דעם דאָזיקן וויין?
בים־באַם! — — —

לחיים וויל איך טרינקען
פאַר דעם פינטעלע ייִד,
וואָס מוטשעט זיך תמיד
און ווערט קיינמאָל ניט מיד!
בים־באַם! — — —

לחיים וויל איך טרינקען,
און טאַקע אָן אַן עק,
פאַר די וואָס זיינען געפאָרן
אויף אייביק אַוועק!
בים־באַם! — — —

איך וואָלט טרינקען פאַר מיינע שונאים,
נאָר זאָג זיי ניט אויס!
קוק — טרערן שפריצן פונעם בעכער,
פון דעם בעכער אַרויס!
בים־באַם! — — —

זינגט העכער און העכער:
— גאָט דו ביסט גרויס!
באַהאַלט, מלכה, דעם בעכער —
דאָס לידל איז אויס!

בים־באַם! בים־באַם!
בים־באַם! בים־באַם! } 2 מאָל

„דער בעכער״ מיט אַן אַנדערן ניגון



דער דאַזיקער וואַ־
ריאַנט איז זייער
פּאָפּולער. מיט דעם
ניגון ווערט דאָס
ליד געזונגען אויף
שמחות, ווי אַ טיש־
ליד, פאַר סאָלאָ
— דער טעקסט און
פאַרן עולם — דער
צוזינג, דער רעפ־
ריין. ער ווערט אויך
אַ סך געזונגען אויף
קאָנצערטן.



דאָס דאַזיקע ליד — פון די באַליבט־סטע יידישע געזאַנגען — איז אר־מעטום באַקאַנט אונטערן טיטל „טײַערע מלכה".

גאָט איז אַ פֿאָטער

(אַ ליד פֿון רומעניע)



כאָטש כ'בין פֿאַרשאָלטן דאָ פֿון יעדן, אוי, אוי, אוי!
כאָטש כ'לעב אין צרות און אין ליידן, אָט אַזוי!
נאָר ווי פֿאַרן עמוד
זינג איך תּמיד: 2 נואָל
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

איר שלאָגט מיט אײַזערנע מיר ריטער, אוי, אוי, אוי!
איר מאַכט מיין לעבן שווער און ביטער, אָט אַזוי!
נאָר בנאמנות
ס'איז אָן סכּנות; 2 מאָל
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

איר מעגט מיך מוטשען, מיך דערקוטשען, אוי, אוי, אוי!
מיך שלאָגן, יאָגן, שטעכן, ברעכן, אָט אַזוי!
אוי ווי, אוי וויי!!
גם זו לטובֿה, 2 מאָל
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

איך קאָן קיין ברויט די קינדער געבן, אוי, אוי, אוי!
ס'איז גאָר אַ וווּנדער ווי זיי לעבן, אָט אַזוי!
אוי, ביטע,* קינדער,
ס'איז ניט קיין וווּנדער: 2 מאָל
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

צי'ז אונדזער מזל שוין באַגראָבן, אוי, אוי, אוי?
צי וועלן מיר אויף שבת האָבן, אָט אַזוי
אוי, דבֿורה לעבן,
גאָט וועט געבן: 2 מאָל
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

---

* מ'טאָר נישט.

דער פּעטער פּסח קומט צו לויפֿן, אוי, אוי, אוי!
גיי, פּרווו אויף יום־טובֿ מצות קויפֿן, אַט אַזוי!
אוי, דבֿורה, דבֿורה,
האָב ניט מורא:
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!
(2 מאָל)

דער ווינטער איז מיט פּעס געקומען, אוי, אוי, אוי!
צוויי שטעלעך האָלץ ווו וועלן מיר נעמען, אַט אַזוי?
וואָס הער איך וועלטן,
פֿרעסט און קעלטן? —
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!
(2 מאָל)

דו ווייסט, דער ווינטער וועט פֿאַרפֿליען, אוי, אוי, אוי!
איך זע, די זון גייט־אויף אין ציון, אַט אַזוי!
פֿון הייסע טרערן
וועט וואַרעם ווערן —
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!
פֿון הייסע טרערן
וועט וואַרעם ווערן —
גאָט איז אַ פֿאָטער, אוי, אוי, אוי!

אַ יידיש ליד פון רומעניע




gei mir gor a frei — lechs ich
tantz wi der cho — sn mit der ka — le
plies — ket — a — le az men
plies — ket —
tzapt fun mir dos blut — — a — rois un men
mu — tshet mich pa — me — lech
lach ich mich gut fun mai — ne so — nim ois un
gei mir gor a frei — lechs

אַז מען צאַפּט פֿון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מען מוטשעט מיך פֿאַמעלעך,
לאַך איך מיך גוט פֿון מײַנע שׂונאים אויס
און גיי מיר גאָר אַ פֿריילעך!
איך טאַנץ ווי דער חתן מיט דער כּלה —
פּליעסקעט, פּליעסקעט אַלע!

אַז מען צאַפּט פֿון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מען מוטשעט מיך פֿאַמעלעך,
לאַך איך מיך גוט פֿון מײַנע שׂונאים אויס
און גיי מיר גאָר אַ פֿריילעך.

ס'איז געווען אַמאָל אַן ערגערע צײַט,
גלייבט מיר, בנאמנות,
פֿון דעם טויט זײַנען מיר געווען ניט ווײַט,
נאָר גאָט האָט געהאַט רחמנות:
געשלאָגן האָט ער אַלע כּלאַפּעס,
געפֿאַלן זײַנען זיי ווי סנאָפּעס...

ס'איז געווען אַמאָל — — — —

אַוודאי איז אונדז געווען גוט...
וואָס האָט מען דאָ צו קלערן —
מע האָט זיך געבאָדן אין אונדזער בלוט
און אין אונדזערע טרערן.
נאָר ייִדישע זין און טעכטער
האָבן געמאַכט פֿון דעם אַ געלעכטער!

אַוודאי איז אונדז געווען גוט — — — —

לאָז מען מוטשען מיך אַפֿילו מער —
זאָג איך דיר צו, אוי, פֿאָטער,
איך וועל ניט פֿאַרגיסן קיין איינציקע טרער,

איך הער זיי ווי דעם טאַטער!
זאָגט, וואָס האָב איך מורא? —
גאָט איז אונדזער תּורה!

לאָז מען מוטשען — — —

וואָס־זשע דאַרף מען, ברידער, אומעטיק זײַן?
עס איז אַן עבֿירה, כ׳לעבן, אַ גרויסע —
אָמער* טראָגט־אַרײַן אַן עמער ווײַן,
לאָמיר בעסער מאַכן אַ פּוסה!
זיך מוטשען און זינגען לידער —
פּליעסקעט, פּליעסקעט, ברידער!

וואָס־זשע דאַרף מען, ברידער, אומעטיק זײַן?
ס׳איז אַן עבֿירה, כ׳לעבן, אַ גרויסע —
אָמער טראָגט־אַרײַן אַן עמער ווײַן:
לאָמיר בעסער מאַכן אַ פּוסה!

---

* בעסער, ליבערשט.

דאס טרויער־ליד




CHOR
Maestoso
Lo — mir bri — der shle — pn lo-mir bri — der
shle — pn dem go — les wi er iz
grois dem go — les wi er iz
rit accel
grois biz di sho wet shlo — gn
biz di sho wet zo — gn az dos lid iz
rit.
ois az dos lid iz ois

זינגער: קאַלט אין יעדן אבֿר,
פֿינצטער ווי אין קבֿר,
הונגער, צער און נויט... 2 מאָל
שוואַרצע וואָלקנס שוועבן,
שוואַרץ איז אונדזער לעבן...
אוי, דאָס איז דער טויט! 2 מאָל

כאָר: לאָמיר, ברידער, שלעפּן,
לאָמיר, ברידער, שלעפּן
דעם גלות, ווי ער איז גרויס! 2 מאָל
ביז די שעה וועט שלאָגן,
ביז די שעה וועט זאָגן,
אַז דאָס ליד איז אויס! 2 מאָל

זינגער: גרויס איז אונדזער לײַדן,
צער אונדזער גן־עדן
און אין צרות רײַך. 2 מאָל
גיסט אײַך, גיסט אײַך, טרערן,
באַלד וועט פֿון אײַך ווערן
בלוט אַ גאַנצער טײַך. 2 מאָל

כאָר: לאָמיר, ברידער, שלעפּן
לאָמיר, ברידער, שלעפּן,
דעם גלות, ווי ער איז גרויס! 2 מאָל
ביז די שעה וועט שלאָגן,
ביז די שעה וועט זאָגן,
אַז דאָס ליד איז אויס! 2 מאָל

פסח


Allegreto
Ich wil aich der — tzei — ln do
kin — der a mai — se wos s'hot zich ge-
tro — fn oi hert ois do mich wos
s'hot zich ge — tro — fn wos s'hot zich far-
CHOR
lo — fn oi wei sei - de - niu oi wei zei - de - niu



— איך וועל אײַך דערציילן דאָ, קינדער, אַ מעשׂה,
וואָס ס'האָט זיך געטראָפֿן, אוי, הערט־אויס דאָ מיך!
וואָס ס'האָט זיך געטראָפֿן,
וואָס ס'האָט זיך פֿאַרלאָפֿן —
— אוי, וויי, זיידעניו! אוי, וויי, זיידעניו, מיר הערן דיך.

— מיר האָבן בײַם טיש די הגדה געזונגען.
פּסח געווען — אַ פֿריילעכער טאָג!
פּלוצים זעען מיר שטיינער פֿליִען
אַהער און אַהין!
— אוי, וויי, זיידעניו, אוי וויי, זיידעניו, אַ יאָמער אַ קלאָג!

— אַ שטיין איז אין אויג מײַן שׂרהלען געפֿאַלן...
דאָס קינד איז געווען פֿונעם טויט אויף אַ האָר.
זיי זײַנען דורך די פֿענצטער געקראָכן,
געריסן, געבראָכן...
— אוי, וויי, זיידעניו! אוי, וויי, זיידעניו, ווי איז די יאָר!

— די בענקלעך געבראָכן, די קישנס געריסן,
דער פּוך איז געפֿאַלן ווי שניי אויף דער ערד...
און מיט אַ פֿריילעכן ניגון
האָבן געפּײַפֿט און געשריגן...
— אוי, וויי, זיידעניו! אוי, וויי, זיידעניו, אַן אומגליק באַשערט!

— זײ זײַנען באַפֿאַלן דאָס גרױס׳ בית־המדרש...
װי גרױס איז געװעזן און טיף אונדזער שמאַרץ!
די ספֿרים צעריסן,
פֿאַרפֿלעקט און צעשמיסן...
— אױ, װײ, זײדעניו! אױ, װײ, זײדעניו, ניט רײַס אונדז דאָס האַרץ!

— אַ רעגן האָט געגאָסן צו דער לװיה...
אױ, װער װעט פֿאַרגעסן דעם דאָזיקן טאָג?
אַז מ׳האָט באַהאַלטן די ספֿרים,
האָבן געװײנט אַלע קבֿרים...
— אױ, װײ, זײדעניו! אױ, װײ, זײדעניו, אַ יאָמער אַ קלאָג!

חד־גדיא

לאָמיר זינגען דאָרט און דאָ —
משה, נעם די פֿידל! —
דעם חד־גדיא, חד־גדיא,
כאָטש דאָס לידעלע איז אַלט,
נאָר ס׳וועט ווערן ייִנגער באַלד...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

צי די סטרונעס אַלע אָן,
ווײַל דאָס לידל הייבט זיך אָן.

יעדער ווייס דאָס, גרויס און קליין,
אַז בײַם אַלטן טאַטן
איז אַ ציגעלע געווען...
הערט אַ משׂא־מתּן:
קומט אַ קעצל, ס׳איז ניט פֿויל,
כאַפּט דאָס ציגעלע אין מויל.
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

כ׳האָב נאָך געהערט אין וויגעלע
דאָס לידל פֿון דעם ציגעלע.
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

טוט זיך פֿון דער קייט אַ ריס
אַ פּיסקאַטע הינטל,
טוט דאָס קעצעלע אַ ביס,
יאָגט גלײַך ווי אַ ווינטל.
יאָגט אויף אַלע פֿיר צוריק,
איבער וואַסער אָן אַ בריק.
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

יאָג זיך, טראָג זיך, הינטעלע —
ניט תּמיד װײַט אַ װינטעלע...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

װאָס ס׳איז װײַטער דאָרט געשען
װעל איך אײַך באַלד זאָגן;
קומט אַ שטעקעלע צו גײן,
כאַפּט דאָס הינטל שלאָגן...
דאָס הינטל שרײַט — ס׳איז אַ געװאַלד —
ביז עס װערט אַנטשװיגן באַלד.
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

שטעקן, שטעקן, שטעקעלע,
פֿון יעדער זײַט אײן עקעלע!
קומט דאָס פֿײַער אױפֿן אָרט,
פּשוט מיט סכּנות,
און צעברענט זיך דאָ און דאָרט
גאָר אומברחמנות.
ביז אין הימל גײט דער רױך
און פֿאַרברענט דאָס שטעקעלע אױך...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

פֿײַער, פֿײַער! אױ, עס בריט...
אױ, דאָס לעבן קאָכט און זידט...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

האָט דאָס װאַסער דאָס דערזען —
אױ, די הילף איז טײַער —
קומט דאָס װאַסער גלײַך צו גײן
און פֿאַרלעשט דאָס פֿײַער...

ווו ס'איז נאָר געווען אַ פונק, *
איז פאַרלאָשן באַלד אַלצדינג...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

וואַסער, וואַסער! גיס און גיס!
ווו דו לויפסט גיב־אָפּ אַ גרוס! *
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

קומט אַן אָקס, אַליין ניט גרויס,
נאָר מיט הערנער גרויסע,
טרינקט דאָס גאַנצע וואַסער אויס,
ווי מען טרינקט אַ כוסה.
מיט דער צונג זיך שטאַרק באַלעקט —
ס'האָט די כוסה אים געשמעקט.
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

אָקסן דאָ און אָקסן דאָרט,
אַן אַ לשון, אַן אַ וואָרט...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

קומט דער שוחט, פּעט ווי שמאַלץ,
מיט אַ שאַרפן מעסער,
מאַכט דאָס מעסער איבערן האַלדז —
בלוט רינט גאַנצע פעסער...
נאָר אַ כריפּ האָט מען געהערט,
ליגט דער אָקס שוין אויף דער ערד...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

שוחט, שוחט — גרינגע האַנט —
ס'גיסט זיך בלוט אין גאַנצן לאַנד...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

---

* ז. האָט געגראַמט „פינק" מיט „אַלצדינג" און „גיס" מיט „גרוס".

קומט דער מלאך־המוות צו גיין —
ער האָט געפֿונען אַ קרבן —
האָט דער שוחט אים דערזען,
איז ער האַלב געשטאָרבן.
דער שוחט װײנט און פֿרעגט: „פֿאַרװאָס?"
האָט ער באַקומען אַ שנעל אין דער נאָז...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

דער מלאך־המוות קלאַפּט אין דער טיר:
— עפֿן, עפֿן, איך קום נאָך דיר!...
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

לאָזט זיך גאָט אַראָפּ אַלײן —
ער טרײַבט ניט קײן קאַטאָװעס —
האָט ער אויף דער ערד דערזען
דעם אַלטן מלאך־המוות...
גאָט האָט זיך צוגערירט צו זײַן שויס,
איז פֿון מלאך געװאָרן אויס.
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

גאָט איז צוריק צום הימל אַרויף —
יעדעס לידל האָט אַ סוף.
חד־גדיא, חד־גדיא, חד־גדיא!

דער אמת

לאָמיר דעם אמת, ברידער, זינגען,
ווײַט, הויך זאָל אויף דער וועלט ער קלינגען!
אויף אמת שטייט דאָס גאַנצע לעבן,
דעם אמת האָט אונדז גאָט געגעבן!
— אמת! אמת!
דעם אמת האָט אונדז גאָט געגעבן.

דער אמת איז די הייליקע תּורה —
זאָגט הויך דער וועלט דאָס וואָרט אָן מורא.
וויבאַלד דער מענטש וועט בעסער ווערן,
וועט אויך די גאַנצע וועלט דאָס שווערן.
— אמת! אמת!
וועט אויך די גאַנצע וועלט דאָס שווערן.

אוי, וויפל טרערן איז פֿאַרגאָסן!
אוי, וויפל טײַכן בלוט געפלאָסן!
נאָר פֿאַר דעם טויט און אונטער שטיינער
בלייבט אונדזער שירה: „גאָט איז איינער!"
— אמת! אמת!
בלייבט אונדזער שירה: „גאָט איז איינער!"

דאָס ווייס דער מענטש, דאָס ווייס דער מינדסטער:
אָן אמת איז דאָס לעבן פֿינצטער,
אָן אמת איז דער מענטש אַ קרבן,
אָן אמת איז ער ווי געשטאָרבן!
— אמת! אמת!
אָן אמת איז ער ווי געשטאָרבן!

כאָטש ווײַט פֿאַריאָגט, כאָטש ווײַט פֿאַרטריבן,
דער אמת איז אונדז פֿאַרט געבליבן.
ער איז פֿאַר אונדז אַ קול־מבשׂר,
ער קומט ווי בוימל אויף דעם וואַסער.
— אמת! אמת!
ער קומט ווי בוימל אויף דעם וואַסער!

לאָמיר דעם אמת, ברידער, זינגען,
ווײַט, הויך זאָל אויף דער וועלט ער קלינגען!
אויף אמת שטייט דאָס גאַנצע לעבן,
דעם אמת האָט אונדז גאָט געגעבן!
— אמת! אמת!
דעם אמת האָט אונדז גאָט געגעבן!

די נאַכט

ס'איז פֿינצטער, פֿינצטער. וואָלקנס שטייען.
זיי האָט דער קאַלטער ווינט געבראַכט.
אין הימל איז קיין שײַן צו זען.
אַראָפּגעלאָזט האָט זיך די נאַכט.

פֿאַרלאָרן האָט די וועלט איר נאָמען,
פֿאַרפֿינצטערט ליגט זי, ווי זי איז גרויס,
פֿאַרוויאַלעט* ליגן אַלע בלומען,
געשטאָרבן ליגט די לעצטע רויז.

די ביימער פֿון דעם וואַלד דעם אַלטן
זיי האָבן זיך צו דר'ערד געלענט,**
די חיות האָבן זיך באַהאַלטן
און, אוי, דער מענטש האָט זיך צעווײנט:

וואָס קאָן די נאַכט דעם מענטשן געבן?
וואָס קאָן אים געבן די וויסטע קעלט?
פֿאַרוויסט, פֿאַרפֿינצטערט איז דאָס לעבן,
פֿאַרוויסט, פֿאַרפֿינצטערט איז די וועלט.

די שײַן, דער טאָג האָט זיך פֿאַרבאָרגן,
עס וויינען, קלאָגן בערג און טאָל;
צי קומען וועט אַ מאָל דער מאָרגן?
צי קומען וועט דער טאָג אַ מאָל?

ווי לאַנג וועט זײַן דער טאָג פֿאַרבאָרגן?
„וואָס הערט זיך, וועכטער, מיט דער נאַכט?"
דער וועכטער זאָגט: „עס קומט דער מאָרגן,
ווי לאַנג עס זאָל ניט זײַן די נאַכט..."

---

* פֿאַרוועלקט, פֿאַרוויאַנעט, פֿאַרגעלבט און אײַנגעקנאָדערט.

** אָנגעשפּאַרט, אָנגעלענט.

אויף קידוש־השם *



* די מוזיק צו אָט־דעם ליד האָט פאַרפאַסט אליהו קאַנטאָר און איז ווי אַ באַזונדערע פּאַרטיטורע, פאַר געזאַנג, כאָר, מיט פּיאַנאָ־באַגלייטונג, געווען געדרוקט אין בוענאָס־איירעס, אין 1943.



נאָכט. דאָס ליד ווערט געזונגען אין דער פינצטער,
ליגנדיק אַרום אַ פייערל.

כ׳ליג דאָ אין פֿײַער,
ס׳ברענט אַרום מיר —
פֿאָטער געטרײַער,
כ׳שטאַרב דאָ פֿאַר דיר.
פֿינצטער די שטערן
אין דײַן געצעלט,
ס׳גיסן זיך טרערן
דורך אויף דער וועלט.

כאָר: די וועלט וויל אַ קרבן —
ווײנט אַלע מיט;
דער גוף איז געשטאָרבן,
די זעל אָבער ניט!

די הענט אין קייטן
הייב איך קוים אויף;
די אויגן זיי בעטן
גיכער דעם סוף.
לייגט־אונטער פײַער,
גיסט־אונטער אויל!
נאַכט, ביסט מיר טײַער;
— שמע ישׂראל!

כאָר: גאָט, דו ביסט איינער! —
זאָגט אַלע מיט.
ס׳ברענען די ביינער,
די זעל אָבער ניט!

ווי, ווען * דאָס לעבן
קיין מאָל געלאַכט!
ווען וואָלקנס שוועבן,
יאָגן די נאַכט...
ווייסט דאָך דער מינדסטער
דאָס וואָס איך זאָג:
תּמיד ווערט פֿינצטער
איידער ס׳ווערט טאָג.

כאָר: די וועלט וויל אַ קרבן — — — —

---

* ווען.

ס׳גייט־אויס דאָס פֿײַער,
שטיל שלאָגט דאָס האַרץ...
פֿאָטער געטרײַער,
כ׳פֿיל ניט קיין שמאַרץ.
דו האָסט געגעבן,
דו נעמסט צוריק...
שווער איז דאָס לעבן,
שטאַרבן א גליק.

כאָר: די וועלט וויל אַ קרבן — — — —

ס׳שײַנט דאָרט אַ מורא —
שרעק ניט, מײַן זעל,
גיט מיר די תּורה —
שמע ישראל!
נאָענטער, ברידער,
נאָענט איז גאָט,
הימלשע לידער
זינגען: אחד!

כאָר: גאָט דו ביסט איינער — — — —

באַמערקונגען צום „אלף־בית”

מאַרק וואַרשאַווסקיס דערפאָלגרייכסטע — און דאָס זיינען די יידישקסטע — לידער איז זייער־שווער צו איבערזעצן אויף אַנדערע שפּראַכן. ביים איבערזעצן גייט פאַרלוירן טייל מאָל דאָס אייגנאַרטיקסטע, דער טעם און אַפילו דער רייץ. נאַטירלעך, אַז דאָס בעסטע מזל האָבן וואַרשאַווסקיס לידער געהאַט — און האָבן אויך איצט — אין העברעיש. איבערהויפּט „דער אלף־בית”. אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי דאָס ליד איז פּאָפּולער געוואָרן אין אָריגינאַל האָט מען עס גענומען זינגען אויך אויף העברעיש. די נעמען פון די איבערזעצערס (עטלעכע וואַריאַנטן זיינען געווען) זיינען, דאַכט זיך, נישט באַקאַנט. אין די לעצטע יאָרן זעצט־איבער וואַרשאַווסקיס פאָלקסלידער דער ראַפינירטער איבערדיכטער שמשון מלצר. ערשט דאָ זעט מען, ווי עס איז שווער אַפילו אויף עברית איבערצוגעבן אינטימע אויסדרוקן פון יידיש. דאָס ווייזט מיט זיין בקיאות און כאַראַקטעריסטישן שאַרפזין דב סדן, פּראָפעסאָר פון דער יידישער קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערסיטעט, אין זיין בוך „אבני שפה”, פאַררופנדיק זיך אויף אַזאַ ביישפּיל ווי וואַרשאַווסקיס „האַרצעדיקער טאַטע”, וואָס ווערט פון מלצרן איבערגעזעצט „אבא בשמים” (טאַטע אין הימל). אַוודאי זיינען דאָס גאַנץ אַנדערע באַגריפן! אַפילו „אב נלבב” (באַהאַרצטער טאַטע) איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי „האַרצעדיקער טאַטע”.

נאָר גאָר אַ סך מזל האָט „דער אלף־בית” געהאַט אין העברעיש צו טראַנספאָרמאַציעס, פּאַראָדיעס און אימיטאַציעס. פאַר פאָרשערס איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע און רייכע טעמע.

ענטפערנדיק אויף אייניקע אָנפרעגן, פאַרבונדענע מיטן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך, האָט ד״ר יום־טוב לעווינסקי, דער פאַרדינסטפולער שריפטשטעלער, וועלכער איז אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין פאָלקלאָר־פאָרשונג, אין תל־אביב, איבערגעגעבן עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע פּרטים אויף דער דאָזיקער טעמע. „אין יאָר 1910 — שרייבט לעווינסקי אין זיין פּריוואַטן בריוו — איז געפייערט געוואָרן אין דער נייער שכונה, נעבן יפו, „אחוזת בית” (שפּעטער אַ ביסל געוואָרן פון דעם די היינטיקע תל־אביב), צום ערשטן מאָל דער יום־טוב פון פלאַנצונגען, חמישה עשר בשבט, דורך די דאָרטיקע שולקינדער און לערער. זיי האָבן געפלאַנצט די ערשטעביימער פון דער צוקונפטיקער תל־אביב. האָט לכבוד דעם פאַרפאַסט דער דיכטער און פּעדאַגאָג ש. בן־ציון פאָלגנדיקן ליד: מרחב שדה וירק עצים / ילדים נושאים את / שם הרבי לתלמידים / מורה אלף בית. רעפריין: זאת התורה ילדי חמד / למדו שמרו נא / נטעו זרעו זאת הארץ / תור האביב בא — — — דער לערער אליעזר פּאַפּער (פון די גרינדערס פון דער דערמאָנטער שכונה) האָט עס איינגעזונגען מיט די קינדער, פאַרשטייט זיך מיטן ניגון פון „אויפן פּריפּעטשיק”. און אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן דאָס ערשטע פלאַנצונג־ליד פאַר קינדער לכבוד חמישה עשר אין ארץ־ישראל — אַלס פּאַראָדיע פון „אויפן פּריפּעטשיק”. אין יאָר תרע״ג (1913) האָט ירושלים געפייערט צום ערשטן מאָל דעם „חג הנטיעות”, חמישה עשר בשבט, אין מוצא, נעבן ירושלים. די 1500 קינדער האָבן געזונגען דעם חמישה עשר־הימן „מרחב שדה וירק עצים”, מיטן דערמאָנטן ניגון, סיי אשכנזים, סיי ספרדים, תימנער א״אַ.

ש. ר.

לאָזן אונדזערע קינדער וויסן!...

דאָס ליד פֿון דעם ברויט

געווידמעט די יידישע קאָלאָניסטן
צו זינגען אין פעלד נאָך דער אַרבעט



גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער —
אונדזער הילף ביסט דו אַליין —
נעמט־צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין!
נעמט־צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין!

לאָז די זון אונדז בריִען, בראָטן,
זי האָט אונדז געשײַנט צום גליק;
זעט, דאָס ברויט איז אונדז געראָטן —
קינדער, קיינמאָל ניט צוריק!... } 2 מאָל

גרויסער גאָט, דו העלפּסט דעם מענטשן,
אַז ער רופֿט צו דיר אין נויט —
זאָלסט אונדז ווײַטער טאָקע בענטשן
מיט הצלחה און מיט ברויט! } 2 מאָל

נעמט־צונויף אײַך אַלע אינאיינעם,
נחת האָבן מיר שוין פֿיל,
און דעם גאָלדענעם קראַנץ, דעם שיינעם,
פֿון די זאַנגען טראָגט אין שול } 2 מאָל

לאָזן אונדזערע קינדער וויסן
פֿון אַ לעבן אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט און יעדער ביסן
איז פֿון אונדזער אייגן פֿעלד. } 2 מאָל

גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער,
דו ביסט אונדזער הילף אַליין—
נעמט־צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין! } 2 מאָל

דאָס פֿריילעכע שניידערל





אַז דער יום־טובֿ הייבט זיך אָן צו באַוויַזן,
ווער איך ביַי מיר אַ גדול:
איך לייג־אַוועק מיַין שער און איַזן,
און ווו כ׳האָב ביַי מיר נאָר אַ נאָדל.
אויפֿגעהערט נייען, אַרבעט זוכן,
האַרצעדיקער טאַטע!
אַ ביסל וויַן יום־טובֿ צו פֿאַרזוכן
איז בעסער ווי צו לייגן אַ לאַטע.

אַז דער יום־טובֿ קומט, ווערט מיר אַ ביסל
פֿריילעך אויף דער נשמה,
בפֿרט אַז גאָט גיט ס׳איז דאָ אין שיסל,

וועט דאָס לעבן אַ נחמה,
דאָס האַרץ איז זיך פּשוט טאַקע מחיה,
ניטאָ קיין גריזאַטע;
חנה טוט־אָן מלבושים נײַע
און איך מײַן קאַפּאָטע.

די קינדער זאָגט — ס׳איז טאַקע אַ חידוש —
זיי שפּילן אקה און מקה.
נאָך דער שול מאַך איך אַ גוטן קידוש
און פֿאַרבײַס מיט קאַרענעם לעקעך.
צו די פֿיש האָב איך קיין טענה,
זײַנען גוט געפֿעפֿערט און געזאַלצן;
אַז מען נעמט זיי אין מויל — לעבן זאָל חנה! —
ווערן זיי אין מויל צעשמאָלצן.

דאָס גלעזל ווײַן איז לויטער ווי דער הימל
און וואַרעמט ווי אַ פּעלץ אין ווינטער;
נאָכן בענטשן כאַפּ איך אַ גוטן דרימל
אין חנה כאַרכלט־אונטער.
דאָ כאַפּ איך מיך אויף —. ס׳איז ניט קיין וווּנדער,
מען טאָר קיין צײַט פֿאַרלירן.
נעם איך מיר חנה און ביידע קינדער
און גיי מיר אויפֿן שליאַך שפּאַצירן.

באַלד טרעף איך אונדזער קאָמאַנדע דאָרטן,
מען רעדט פֿון דער מלחמה,
ווי מען מאַכט פּושקעס * אַלערליי סאָרטן,
מען לייגט מענטשן אין דער אדמה.
מען פֿאַרגיסט בלוט אָן רחמנות —

מענטשן קוילען מענטשן;
היינט זאָגט מיר טאַקע, בנאמנות,
צי קאָן אַזוינס גאָטעניו בענטשן?
כאָטש אין דער מלחמה פֿאַרשטיי, איך מיר ווייניק —
וואָס האָט מען דאָ צו שמועסן? —
איך זאָל זײַן דער פּרייסישער קעניג,
וואָלט איך פֿאַרבאָטן צו שיסן,
איך וואָלט נישט דערלאָזט אַזוינע רציחות,
איך וואָלט געזאָגט אָן מורא:
אַנשטאָט זיך צו שלאָגן — ביידע מלוכות
בעסער גיין צו אַ דין־תּורה!...

דערנאָך גייען מיר צו גאַסט צו אונדזערע שכנים,
מען רעדט זיך אויס דאָס האַרץ צו ביסלעך,
ווי מיר וועלן זײַן אין ציון אינאיינעם,
מען רעדט און מען קנאַקט זיך ניסלעך.
אוי, איך וועל אײַך זאָגן — טײַערע קינדער,
די מעשׂה איז ניט קיין נײַע —
אַז גאָט וויל, מאַכט ער די גרעסטע וווּנדער
בײַ זיך אין דער מאַסטערסקאַיע *.

נאָר די יום־טובֿדיקע טעג פֿאַרגייען,
האַרצעדיקער טאַטע!
ווידער שנײַדן, ווידער נייען,
ווידער לייגן אַ לאַטע,
ווידער ציט זיך דאָס אַלטע לעבן,
אוי, ווי, חנה, סערדצע־לעבן,
צי האָסט דו ניט וואָס צו פֿאַרבייסן?

* (רוס׳) וואַרשטאַט.

נעבן קלייזל


Andante
Gut mor — gn — moi — she
dir gut mor — gn — ian — ke — le
dir wos hert zich e — pes
moi — she bai dir ai
wos zol zich he — rn bai
mir dos le — bn iz tzu — ker



— גוט מאָרגן, משה, דיר!

— גוט מאָרגן, יענקעלע, דיר!

— וואָס הערט זיך עפּעס, משה, בײַ דיר?

— אײַ! וואָס זאָל זיך הערן בײַ מיר?
דאָס לעבן איז צוקער־זיס:
איך ווער פֿאַרשוואַרצט פֿון דעם קאָפּ ביז די פֿיס.
דאָס לעבן בייגט. דאָס לעבן ברעכט.
איך וויין. איך בין אפֿשר גערעכט?

— גוט מאָרגן, משה, דיר!
— גוט מאָרגן, יענקעלע, דיר!
— וואָס הערט זיך עפּעס, משה, בײַ דיר?
— אײַ! וואָס זאָל זיך הערן בײַ מיר?
איך הונגער אַ גאַנצע וואָך,
ניט לאַנג וועל איך שלעפּן נאָך...
דאָס ווײַב שרייט: משה, ס'איז שלעכט!
דאָס ווײַב איז אפֿשר גערעכט?

— גוט מאָרגן, משה, דיר!
— גוט מאָרגן, יענקעלע, דיר!
— וואָס הערט זיך עפּעס, משה, בײַ דיר?
— אײַ! וואָס זאָל זיך הערן בײַ מיר?
אין דער דירה איז נאַס און קאַלט,
דער באַלעבאָס וועט מיך אַרויסוואַרפֿן באַלד.
דער מח טריקנט גאַנצע נעכט.
דער באַלעבאָס איז אפֿשר גערעכט?

— גוט מאָרגן, משה, דיר!
— גוט מאָרגן, יענקעלע, דיר!
— וואָס הערט זיך עפּעס, משה, בײַ דיר?
— אײַ, וואָס זאָל זיך הערן בײַ מיר?
דער פּריץ איז בײַ מיר געווען,
איך האָב אים געמוזט פֿאַרשטופּן די ציין.
איך וואַרף מיך, ווי אין וואַסער אַ העכט...
דער פּריץ איז אפֿשר גערעכט?

— גוט מאָרגן, משה, דיר!
— גוט מאָרגן, יענקעלע, דיר!
— וואָס הערט זיך עפּעס, משה, ביי דיר?
— אַיי, וואָס זאָל זיך הערן ביי מיר?
איך בין קראַנק, איך שפּיי מיט בלוט,
אין ביקור־חולים נעמט מען מיך ניט...
איך שטאַרב, איך גיי־אויס ווי אַ ליכט...*
שאַ, ברודער, גאָט איז גערעכט!

---

* ה. האָט געזאָגט „לעכט", גראַמענדיק מיט „גערעכט".

תנחום דער טרובאַטש *



* דער מוזיקאַנט, וואָס שפּילט אויף דער טרובע. — וואַרשאַווסקי האָט
צו דעם־אָ געזאַנג צוגעגעבן אַזאַ באַמערקונג: לאָז דאָס ליד זײַן אַ זכר צו.



כ׳וויל אײַך דערציילן אַקוראַט *
טאַקע מיט גרויס אָכאָטע **,
ווי כ׳האָב געדינט פֿאַר אַ סאָלדאַט
אין דער ערשטער ראָטע ***.

טראַם! טראַם! אַ יונגאַטש
בין איך געווען מיט ביינער,
מען האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ טרובאַטש,

אונדזער „תנחום באַראַבאַנטשיק״, עליו השלום, פון זשיטאָמיר. ער איז געווען אַ ייד אַ גבר, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט מיט באַקנבערד.

* גענוי. — ** (רוס׳) חשק. — *** גרופּע פון הונדערט סאָלדאַטן.

איך האָב געשפּילט ווי קיינער.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
איך האָב געשפּילט ווי קיינער.

כ׳וויל אײַך זאָגן, ס׳איז ניט גרינג
אויף דער טרובע צו טרובען,
דאָ מוז מען פֿאַרשטיין זיך אויפֿן ווונק
און גוטע אויערן האָבן.

טראָם! טראָם! צו מאַכן „פּויז" *,
כ׳לעבן, איז אַ סך גרינגער,
דאָ מוז מען שפּילן אָט אַזוי
און מאַכן מיט די פֿינגער.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
און מאַכן מיט די פֿינגער.

איך וויל ניט פֿאַרלייקענען פֿאַר אײַך,
איך פֿלעג מיך פֿריילעך פֿילן,
אַז איך פֿלעג שטיקלעך גאַר אַ סך
אויף מײַן טרובע שפּילן.

טראָם! טראָם! אין ערשטן ריאַד **
פֿלעג דער קאָמאַנדיר מיך שטעלן.
אַז איך פֿלעג שפּילן אויפֿן פּאַראַד,
פֿלעג דער קאָמאַנדיר אָנקוועלן.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
פֿלעג דער גענעראַל אָנקוועלן.

אַז די דיוויזיע טיילט זיך אָפּ אויף צוויי,
גאַרניזאָנעס גרויסע,

---

* זינגט, שפּילט. — ** שורה.

און דער גענעראַל טוט אַ געשריי:
— „ספּראַווא, ווזוואָדאַם, סטרויסיאַ!‟ *.

טראַם! טראַם! דאָ פֿאַלט אַרײַן
די טרובע מיט אַ קול פֿון אַיזן,
און איר העלפֿט־אונטער דער באַראַבאַן,
ווי זינגערלעך דעם חזן.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
ווי זינגערלעך דעם חזן.

אויף די מאַניאָווערס איז אַזוי שווער,
גלײַך ווי אין אַ מלחמה:
סאָלדאַטן לויפֿן אַהין און אַהער
פּײַנען ** מיט דער נשמה...

טראַם! טראַם! דער מוזיקאַנט
טאָר זיך ניט זײַן טועה,
דער גענעראַל טוט אַ מאַך מיט דער האַנט —
שפּילט ער שוין „ק'אַטבאַיו‟ ***.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
שפּילט ער שוין „ק'אַטבאַיו‟!

אַ מאָל מוז מען שלאָגן גאָר דעם פֿײַנט,
הינטערוויילעכץ איז גלײַכער.
די סאָלדאַטן מיט דער ביקס אין דער האַנט
לייגן זיך אויף די בײַכער.

טראַם! טראַם! מ'האָט אָנגעגרייט
גאַנצע פֿעסער מיט פּאָראָך ****,

---

* רעכטס, זיך שטעלן צום באַפֿעל! — ** שפּייען, פּאַכען.
— *** צו דעו' אַטאַקע! — **** פּולווער.

דער גענעראַל הייסט שפּילן שטילערהייט,
מען זאָל ניט הערן קיין שאָראָך! *.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
מען זאָל ניט הערן קיין שאָראָך.

דאָ לאָזן זיך די סאָלדאַטן פֿון דעם אָרט
גלײַך צו דער אַטאַקע.
באָמבעס, קוילן, דאָ און דאָרט,
ס'איז אַ מורא טאַקע!

טראַם! טראַם! פֿון אויבנאָן
שפּיל איך און גיי אין פֿײַער,
פֿאַלן װעל איך לעבן דער פֿאָן,
װאָרום זי איז מיר טײַער!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
װאָרום זי איז מיר טײַער.

נאָך דער מלחמה, אַרום שבֿועות,
האָב איך מיך אַהיים דערקליבן,
אַז רחל האָט דערזען, אַז איך בין אָן אַ פֿוס,
איז זי חלשות געבליבן.

טראַם! טראַם! ניטע װיין,
רחניו, מײַן לעבן!
דו זעסט דאָך, אַז גאָט אַליין
האָט געראַטעװעט מײַן לעבן.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
האָט געראַטעװעט מײַן לעבן.

אוי, װײנען, רחלע, איז מיאוס,
לאָז איבער די טרערן אויף מאָרגן;
צי מיט אַ פֿוס, צי אָן אַ פֿוס —
דערפֿאַר װעט גאָט שוין זאָרגן!

---

* שאָרך, ריר.

אַ וואַריאַנט פֿון ״תנחום דער טרובאַטש״



דער דאָזיקער ניגון פון וואַרשאַווסקיס טעאַטראַלישן ליד איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך ליבהאָבערס און אַקטיאָרן, וועלכע האָבן ליב געהאַט צו זינגען דאָס ליד אין גרים און זעלנערישן מונדיר, הינקענדיק אויף אַ פֿוס אָדער אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ קוליע.



טראַם! טראַם! דער קייסער אַליין
האָט מיר אַ מעדאַל געגעבן.
איך האָב אים זוכה געווען צו זען —
הונדערט יאָר וועל איך לעבן!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
הונדערט יאָר וועל איך לעבן.


a sol — dat in der ersh — ter
ro — te trom trom a iun — garsh
bin ich ge — wen mit bei — ner m'hot
mich ge — macht far — a tru — batsh ich
hob ge — schpilt wi kei — ner
ta ra ra ra ta ra ra ra ich
hob ge — schpilt wi kei — ner

דעם מילנערס טרערן



אוי, װיפֿל יאָרן
זײַנען פֿאַרפֿאָרן,
זינט כ'בין אַ מילנער אַט־אָ־דאָ.
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך,
איך בין שוין אַלט און גרײַז און גראָ*.
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך,
איך בין שוין אַלט און גרײַז און גראָ.

ס'איז טעג פֿאַראַנען,
כ'װיל מיך דערמאַנען,
צי כ'האָב געהאַט אַ שטיקל גליק...
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך, } 2 מאָל
קיין ענטפֿער איז ניטאָ צוריק.

מײַן טרײַע מינצע,
מײַן קינד, מײַן שפּרינצע,
אוי, װיי, אַ יאָמער, אוי, אַ שרעק!
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך, } 2 מאָל
מיט זי' זײַט איר אויך באַלד אַװעק.

פֿון גליק פֿאַרטריבן,
בין איך געבליבן,
אָן װײַב, אָן קינד, אַט־דאָ אַליין.
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך, } 2 מאָל
אין עלנט בין איך װי אַ שטיין.

---

* גרוי. — װאַרשאַװסקי גראַמט „דאָ" מיט „גראָ".

איך האָב געהערט זאָגן,
מ'וויל מיך פֿאַריאָגן,
אַרויס פֿון דאָרף און פֿון דער מיל.
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך, } 2 מאָל
אוי, אָן אָן עק און אָן אַ ציל.

וווּ וועל איך ווינע־?
ווער וועט מיך שוינען?
איך בין שוין אַלט, איך בין שוין מיד.
די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך, } 2 מאָל
און אויך מיט זיי גייט אויס דער ייִד...

די שיף


Andante e dolce
p
Dort wait oif dem iahn oif dem groi — sn shteit
grois wi a mo — ier a shif m'zet
f
men — tshn fun i — nen fun oi — sn gein
loi — fn a — rop un a — roif ir
wet zei a — wa — de der — ke — nen ir
hot ze — ier um — glik ge hert — zei



דאָרט, וווּ, אויף דעם ים, אויף דעם גרויסן,
שטייט, גרויס ווי אַ מויער, אַ שיף;
מ׳זעט מענטשן פֿון אינעוייניק*, פֿון אויסן,
גייען, לויפֿן, אַראָפּ און אַרויף**.
איר וועט זיי אַוודאי דערקענען,
איר האָט זייער אומגליק געהערט.
זיי קלאָגן, ווי עלנט זיי זײַנען,
דאָס פּנים איז שוואַרץ ווי די ערד.

פֿאַרטריקנט, פֿאַרדאַרט אַלע גלידער,
פֿאַרמוטשעט פֿון הונגער, פֿון נויט —
ס׳זײַט*** איר, מײַנע אָרעמע ברידער,
איך לייען אויף אײַער פּנים דעם טויט...
נאָר ביטערע טרערן פּסדר,
אַ לעבן פֿון צרות און זאָרג.
טיף שנײַדן דאָס וואַסער די רעדער,
זיי טראָגן די שיף קיין ניו־יאָרק.

דאָרט זיצט אַן אַלמנה אַ מוטער,
דאָס אָרעמע קינד אויף איר שויס,
זי וויינט אַזוי שטאַרק, אַזוי ביטער,

* אינעווייניק. ** ו. האָט באַנוצט „אַריף״. *** דאָס זייט איר.

צי ווייסט איר — איר אומגליק איז גרויס!
דאָרט, וווּ זי איז געוואַקסן, געבוירן —
פֿאַרלאָזט טאַטע־מאַמע אַליין...
זי האָט זיי אויף אייביק פֿאַרלוירן,
זיי וועלן זיך שוין מער ניט זען!

אַ ייִד װײנט מיט ביטערע טרערן,
פֿאַריאָמערט, פֿאַרוואָגלט, פֿאַרשמאַכט,
וואָס וועט מיט די קינדער דאָרט ווערן —
זיי בלאָנדזשען, ס'איז פֿינצטער די נאַכט...
— מיט וועם וועל איך ריכטן דעם סדר? —
ער האָט זיך צעוויינט אַזוי שטאַרק.
טיף שנײַדן דאָס וואַסער די רעדער,
זיי טראָגן די שיף קיין ניו־יאָרק.

דאָרט וואַלגערן זיך פּיצלעך קינדער,
אין פּנים קיין שום טיפּת־דם.
וואָס פֿרעגט איר? ס'אַוודאי אַ וווּנדער!
זיי מוטשען זיך מן־הסתּם:
דאָס שטיקעלע ברויט, יעדער ביסן,
קומט־אָן אויך דעם קינד מיט געוויין...
דאָס האַרץ האָט אויף שטיקער געריסן
די טרערן, די טרערן צו זען.

שוין אונטערגעגאַנגען די שטערן,
אַ וואָלקן רוקט־אָן אויף דעם אָרט —
דאָס זײַנען די ביטערע טרערן,
פֿאַרגאָסענע טרערן אָט־דאָרט...
פּאור האָט געדאַוונט יעדער,
אַוועק איז דער צער און די זאָרג.
די זון האָט געשײַנט. און די רעדער —
די שיף שוין געבראַכט קיין ניו־יאָרק.

אַ בריוו פֿון אַמעריקע





— טײַערע מאַמע, טײַערע מוטער,
דו, מײַן טײַער, כּשר האַרץ!
צי ווייסט דו, ווי איך וויין אַזוי ביטער
און ווי טיף איז דאָ מײַן שמאַרץ?
וואָס וואָלט איך ניט אָוועקגעגעבן,
איך זאָל טון אויף דיר אַ בליק!
איך וואָלט פֿאַר דיר געשטרעקט דאָס לעבן,
איך זאָל קומען צו דיר צוריק...

נאָר ס'איז ניט די דאָזיקע יאָרן,
וואָס מען קען גיך טאָן אַלצדינג:
מאַמע, כ'קען צו דיר ניט פֿאָרן —
שרײַבן איז מיר דאָס ניט גרינג!
לאָהניו לאָזט ניט, זי האָט מורא,
פֿאַר דעם „פּריזיוו" ציטערט זי,

און מײַן פּיצעלע קינד. מײַן דבֿורה,
האַלט מיך מיט אירע הענטלעך צו.

אַז איך זע זי, ווערט מיר גרינגער:
דו זאָלסט הערן, ווי זי רעדט!
ווי זי ווײַזט מיט דעם גרויסן פֿינגער
אויף דער באָבעניוס פּאַטרעט*...
און מײַן שיינער יונג, מײַן סאַני,
אַרבעט — גאָלדענע האָט ער הענט!
משהלע זאָגט שוין „מודה אַני",
רחלען וואָלסט דו ניט דערקענט...

דו דערמאָנסט זיי מן־הסתּמא
און דו בענטשסט זיי אַוודאי דאָרט...
זיי גריסן, קושן דיך, טײַערע מאַמע,
זײַ געזונט! נאָר נאָך איין וואָרט:
יאָרצײַט האָבן מיר ערבֿ־שבֿועות —
זאָלסט דו דאָרט דעם טאַטן זאָגן,
אַז איך שיק אים אָפּ אַ גרוס...

טײַערע מאַמע, טײַערע מוטער,
דו, מײַן טײַער, כּשר האַרץ,
צי ווייסט דו, ווי איך וויין אַזוי ביטער
און ווי טיף איז דאָ מײַן שמאַרץ?

---

* פּאָרטרעט.

דער מאַמעס ענטפֿער

אוי, דײַן בריוו
האָט מיר טיף
דאָס האַרץ אויף צוויי צעשניטן;
גאָט אַליין
האָט געזען
וואָס איך האָב דאָ געליטן.

יעדעס וואָרט
אין בריוו צו מיר
האָב איך אויסגעקושט באַזונדער;
איך בין געווען
נעבן דיר
און נעבן מײַנע קינדער.

גאָט וועט געבן,
מיר וועלן זיך זען —
גאָטס ווילן ווייסט ניט קיינער.
קומען וועט
דער טאָג צו גיין,
קומען וועט דער שיינער;

קומען וועט
דער טאָג צו גיין,
קומען וועט דער שיינער;
מיר זאָל זײַן
פֿאַר דיר, מײַן זון,
און פֿאַר דײַנע ביינער!

קינד, ניט קלאָג
און ניט וויין,

דו דאַרפֿסט דאָס האַרץ פֿאַרשליסן,
איף דעם פֿעלד
בין איך געווען
דעם טאַטן לאַזן גריסן.

דו, מײַן קרוין,
דו, מײַן האַרץ,
נעם־צו דער מאַמעס ברכה;
אַזוי גרויס,
ווי דאָ מײַן שמאַרץ,
זאָל גרויס זײַן דײַן הצלחה!...

זײַ געזונט
מיט ווײַב און קינד —
איך בין דײַן טרײַע מוטער.
וואָס־זשע וויינסטו
אַזוי אַציגד,
באַקלאָגסט זיך אַזוי ביטער?

קומען וועט
אַ מאָל דער טאָג,
קומען וועט דער שיינערע
קינד, ניט וויין
און ניט קלאָג,
פֿאַרשווין * דער מאַמעס ביינער!

* פֿאַרשווינען, פֿאַרהיטן.

די וועלט

1

קוקט אײַך צו צו דער וועלט צו דער שיינער:
זי איז יונג און זי שײַנט און זי בליט.
שוין באַזונגען די וועלט האָט ניט איינער
אין זײַן פֿריילעכן, רוישנדן ליד.

פֿון איר טיף ביז די ליכטיקע שטערן
גייט אַ פֿריילעך געזאַנג אויף דער וועלט.
בערג און טאָלן גיסן פֿריידפֿולע טרערן,
יעדעס ביימעלע פֿרייט זיך און קוועלט.

און די זון גייט דאָ קיין מאָל ניט אונטער,
און זי קוקט פֿון דעם הימל אַראָפּ.
בלומען בליִען, אי זומער, אי ווינטער,
און די צווײַגן — זיי וויאַנען ניט אָפּ.

דער מענטש לעבט זיך אין פֿרייד, אין נחמה,
אויף דערויף איז דאָס לעבן געשטעלט.
אוי, די וועלט איז אַ יונגע נשמה,
ווײַל ס׳איז יעדע נשמה אַ וועלט.

2

קוקט אײַך צו צו דער חעלט צו דער שיינער:
זי איז אַלט, זי איז מאַט, זי איז מיד.
שוין באַקלאָגט האָט די וועלט דאָ ניט איינער
אין זײַן טרויעריק, וויינענדיק ליד.

אין איר טיף ליגן אוצרות פֿאַרבאָרגן:
דימענטן און פּערל — אַ שרעק...

נאָר איר הארץ איז פֿאַראומערט מיט זאָרגן,
שטענדיק וויינט זי און קלאָגט אָן אַן עק.

פֿון די אוצרות — וואָס קאָן פֿון זיי ווערן?
אַז דאָס לעבן איז ביטער און שווער!
יעדער דימענט צעגייט זיך אין טרערן,
יעדער פּערל צעגייט אין אַ טרער!...

דער מענטש פֿירט מיט דעם גליק אַ מלחמה,
נאָר דאָס גליק איז פֿאַרהאַנגען, פֿאַרשטעלט...
און די וועלט איז אַן אַלטע נשמה,
ווייל ס'איז יעדע נשמה אַ וועלט.

אויף דעם אַלטן בית־עולם

אויף דעם אַלטן בית־עולם, טיף שפּעט אין דער נאַכט,
ווען דער ווינט האָט געבלאָזן מיט רעש און מיט מאַכט,
איז אַ יונגע אלמנה געשטאַנען אַליין
און געבראָכן די הענט מיט אַ ביטער געוויין.

ניט מיט פּערל און גאָלד האָט געשימערט איר קלייד,
ניט מיט פּערל און גאָלד אידיש געווען באַניים,
אויף איר פּנים דעם בלאַסן, פאַרשטיינערט און שווער,
זײַנען טרערן געהאַנגען — אַ טרער אויף אַ טרער.

זי האָט געבראָכן די הענט און געוויינט: ווי איז מיר!
עפן גיכער מײַן קבֿר, גאָט, נעם מיך צו דיר!
שוין אַ וועלט איז פאַראומגליקט — ס'איז אַ מורא צו זען...
הער, די קבֿרים וויינען אַ ביטער געוויין.

כ'טראָג מײַן גורל מיט טרערן פון תמיד אַן שווער.
כ'טראָג מײַן גורל דעם שווערן, נאָר כ'קאָן שוין ניט מער.
כ'קאָן ניט צוזען דעם ווייטיק, די אָפענע וווּנד
פון דער אָרעמער מוטער, די טרער פון דעם קינד.

אוי, איר ייִדישע טרערן פאַרזאָדן מיט בלוט,
אוי, איר ייִדישע טרערן — ווו זענט איר דען ניט?
ווי פאַרפרוירן, פאַרקאַוועט * פון ווינט און פון קעלט,
וואַקסן־אויס פון אײַך שטיינער — פון שטיינער אַ וועלט!

אַזוי האָט די אלמנה געוויינט אַן אַ שיעור.
פּלוצים זעט זי אַ מלאך — ער שטייט נעבן איר.

---

* געשמידט. (פון קאָוועןּ, קאָוואַל).

זי פֿאַרדעקט איר בלאַס פּנים פֿאַר שרעק מיט די הענט,
און דער מלאך האָט זיך צו דעם אומגליק געווענדט:

— אוי, ניט וויין און ניט יאָמער, דו, אומגליקלעך האַרץ!
כ'בין געקומען אויף פֿליגלען דיר שטילן דײַן שמאַרץ.
כ'בין געקומען צו דיר, נאָר איך פֿלי באַלד צוריק...
כ'בין דאָס גליק אין דעם לעבן — אין לעבן דאָס גליק!

איך וויל קומען אַ מאָל צו דער זינדיקער וועלט,
וווּ די זון איז פֿאַרהאָנגען, די זון איז פֿאַרשטעלט...
איך וויל ברענגען מיט מיר איבער בערג, איבער טאָל,
דעם גן־עדן — באַגליקן די ערד נאָך אַ מאָל!

מיט דעם וואָרט איז דער מלאך צום הימל צוריק.
ס'איז געבליבן דאָס אומגליק — אַוועק איז דאָס גליק.
אויף דעם אַלטן בית־עולם, שפּעט, טיף אין דער נאַכט,
האָט ניט אויפֿגעהערט זיפֿצן דער ווינט מיט זײַן מאַכט.

אויף דעם הייליקן אָרט בין איך ווידער געווען
און אַ שוואַרצע געשטאַלט האָב איך דאָרטן געזען,
כ'האָב די אַלטע אלמנה בײַם קבֿר דערקענט:
זי האָט ביטער געוויינט און געבראָכן די הענט.

ווי האַלט איך דאָס אויס?





ווי האַלט איך דאָס אויס — פֿאַרשטיי איך ניט, כ׳לעבן.
ס׳אוודאי פֿון גאָט אַזוי שוין באַשערט.
ביי יעדן איז יום־טובֿ דאָס שטיקעלע לעבן,
ביי מיר איז דאָס לעבן שוואַרץ ווי די ערד.
פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען — דאָס פֿרעגט שוין ניט איינער,
ס׳פֿאַרענטפֿערט די קשיא: גאָט דו ביסט גרויס!
עס טריקנט אין מיר דער מאַרך פֿון די ביינער.
איך האַלט דאָס ניט אויס, איך האַלט דאָס ניט אויס!

ווי האַלט איך דאָס אויס — ס׳אַוודאַי אַ וווּנדער,
ווי כ׳שלעפּ מײַנע שלאַפּע, געשוואָלענע פּיס,
חי כ׳בלאָנדזשע אַרום מיט מײַנע אָרעמע קינדער...
וווּ איך גיי, וווּ איך קום איז מיר פּינצטער און וויסט:
דאָ טאָר מען ניט שטיין, דאָ טאָר מען ניט ליגן,
דאָרט נעמט מען פֿון מיר די פּוחות אַרויס...
און אומעטום הער איך דעם אייגענעם ניגון:
— איך האַלט דאָס ניט אויס, איך האַלט דאָס ניט אויס!

אוי, יעדער פֿון אײַך, צי רײַך, צי אָרעם,
האָט אונדזער בית־עולם אַוודאַי געזען.
דאָרט שטייען צעבראָכענע, פּינצטערע קבֿרים,
און טיף פֿון די קבֿרים גייט אַ געוויין.
אַזוי איז צעבראָכן אין מיר יעדער אבֿר,
אַזוי די וועלט פּינצטער, ווי זי איז גרויס...
אוי, דעק דיך אויף גיכער, מײַן פּינצטערער קבֿר!
איך האַלט דאָס ניט אויס, איך האַלט דאָס ניט אויס!

דעם אדלערס קלאג







איך האָב אויך אַמאָל גרויסע פֿליגל געהאַט...
כ׳פֿלעג פֿליִען אַהער און אַהין.
הײַנט ליג איך און בין פֿון דעם טויט שוין ניט ווײַט.
איך קען מיך ניט רירן, ניט פֿליִען...
אַרויסגעצאַפּט האָט מען פֿון מיר שוין דאָס בלוט.
קיין פֿליגל ניטאָ... קוקט אַהער!
וואָס טויג מיר מײַן לעבן? איך וויל עס שוין ניט:
אַז כ׳האָב מײַנע פֿליגל ניט מער!

כ׳פֿלעג פֿליִען, מיך הייבן ביז אין הימל אַרויף,
דורך וואַלד, איבער בערג, איבער טאָל...
כ׳פֿלעג אַראָפּלאָזן מיך צו דער ערד, אויף דערויף*
כ׳זאָל צום הימל צוריק נאָך אַ מאָל...
הײַנט ליג איך געקאָוועט, געפּענטעט גאַנץ גוט,
אַ זיפֿץ־טאָן — אי דאָס איז מיר שווער...
וואָס טויג מיר דאָס לעבן? איך וויל עס שוין ניט:
אַז כ׳האָב מײַנע פֿליגל ניט מער!

קינדער. אוי, זאָגט מיר, ווו זענט איר אַצינד?
אָפּגעריסן זענט איר פֿון מיר!

---

* בכדי.

ווי רײַסט מיר מײַן האַרץ, און ווי ווײ טוט מיר מײַן וווּנד,
און ווי רינט פֿון מיר בלוט אַן אַ שיער!
אוי, קומט גיך צו פֿליִען, און שטילט מיר מײַן בלוט,
נעמט־צו, אוי, מײַן לעצטע טרער!
וואָס טויג מיר מײַן לעבן? איך וויל עס שוין ניט:
אַז כ׳האָב מײַנע פֿליגל ניט מער...

עס זינגט זיך ניט

אוי, ענטפֿערט מיר, איך בעט אײַך זייער,
וואָס האָב איך מיך אַזוי צעזונגען?
דאָס לעבן קומט־אָן אַזוי שווער,
דאָס האַרץ ווערט אָקערשט ניט צעשפּרונגען.

אי דאָ, אי דאָרטן טריפֿט זיך בלוט...
אוי, ווערט פֿאַרשטומט, איר, פֿריילעכע לידער!
דאָס לעבן איז פֿאַרביטערט, ברידער,
עס זינגט זיך ניט, עס זינגט זיך ניט.


Andante
Oi ent_fert mir ich bet aich zei't wos
hob ich mich a — zoi tze-zun-gen dos
le — bn kumt on a — zoi shwer dos
hartz wert o— kersht nit tze-shprun-gen dos
le — bn kumt on a — zoi shwer dos
hartz wert o — kersht nit tze — shprun — gen

די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער!

שׂרה און רבֿקה


Allegreto Grazioso
Az ich bin ge — ku — men
kain rach — mis — triw — ke hob ich dort
tzwei shei — ne shwes — ter ge — zen
ei — ne hot ge — hei — sn so — re di
an — de — re tiw — ke tzwei shei — ne
ka — les ze — nen dos ge — wen


ie — de fun zei hot ge —
hat an an — der mai — le do
hot zich far — dreit mir der
rit
kop oi — fn ort wel — che fun
zei zol ich mir ne — men far a
ka — le wel — che fun zei zol ich
ge — bn dos wort wel — che fun



אַז איך בין געקומען קיין ראַכמעסטריווקע,
האָב איך דאָרט צוויי שײנע שוועסטערס געזען;
איינע האָט געהייסן שׂרה, די אַנדערע רבֿקה,
צוויי שײנע כּלות זענען דאָס געוועזן.

יעדע פֿון זיי האָט געהאַט אַן אַנדערע מעלה,
דאָ האָט זיך פֿאַרדרייט מיר דער קאָפּ אויפֿן אָרט:
װעלכע פֿון זיי זאָל איך מיר נעמען פֿאַר אַ כּלה,
װעלכער פֿון ביידע זאָל איך געבן דאָס װאָרט? } 2 מאָל

אין שׂרהלעס אויגן קען מען גלייך נישט קוקן,
ווי די זון אין תּמוז אַזוי שײנען זיי.
זיי שמייכלען, זיי לאַכן, זיי ריידן, זיי קוויקן
דאָס האַרץ, אַז זי טוט אַ קוק נאָר מיט זיי.

אָבער רבֿקהס אויגן ברענען ווי פֿייער,
שוואַרץ ווי די קוילן, װאָס טיף אין דער ערד;
אַז זי הייבט זיי אויף, ווערט דאָס לעבן טײַער,
אַז זי לאָזט זיי אַראָפּ — האָט דאָס לעבן קיין ווערט... } 2 מאָל

אַזעלכע ווי שׂרה געפֿינט איר ניט אין די ביכלעך,
גאָלדענע הענט האָט זי — איר זאָלט נאָר זען...
זי האָט אויסגעהעפֿט פֿאַר זיך אַ פּאָר גאָלדענע שיכלעך,
„אין זיי", זאָגט זי, „וועל איך צו דער חופּה גיין".
רבֿקה האָט אין איין פֿרײַטיק אויפֿגענייט אַ קליידל,
און שבת האָט זי עס אָנגעטאָן צוליב מיר אין דער פֿרי...
גליקלעך וועט זײַן דער, וועמען ס'וועט נעמען אָט־דאָס מיידל
ווער פֿאַרמאָגט איר שיינקייט? קוקט אײַך נאָר צו!
2 מאָל

איך האָב אַ מאָל אַ סוד אין אויער אײַנגערוימט שׂרהן —
האָט זי זיך צעוויינט ווי אַ פּיצעלע קינד.
„אָקעגן וואָס", פֿרעגט זי מיך, „ביסט דו געקומען צו פֿאָרן,
צו וואָס האָט דיך געבראַכט אַהערצו דער ווינט?"
אַז עס האָט זיך אין מיר צעשפּילט די ווילדע קליפּה,
האָב איך רבֿקהן אײַנגערוימט דעם אייגענעם סוד,
„נאַר! דו ווילסט אַ קוש? — שטעל פֿריִער אַ חופּה!
איך בין דיר ניט האָפֿקע, דו ביסט ניט פּעדאָט!"
2 מאָל

כ'האָב געקלערט און געטראַכט, און געגעבן מיר עצות,
ביז איך האָב אָוועקגעלייגט די בושה אויף אַ זײַט:
אָט אַ פּנים מע מוז נעמען די פּיס אויף די פּלייצעס,
אַזוי האָב איך געלערנט אין דער גמרא אַ פּשט.
פֿון דענסטמאָל אָן האָב איך מער ניט געקליבן,
נאָר שׂרהן און רבֿקהן געדענק איך גאַנץ גוט...
אוי, איך בין אַן אַלטער בחור געבליבן...
אויב איך האָב חרטה, פֿרעג מיך שוין ניט!
2 מאָל

צום באַדעקנס דער כלה

כלה'ניו, װיין־זשע, װיין!





דו ביסט דעם חתן געפֿעלן,
וואָרום דו ביסט דאָך שיין און פֿײַן —
באַלד וועט מען די חופּה שטעלן
באַלד וועט די חופּה זײַן.
אַ נײַע וועלט וועסטו דערזען,
עפּעס זאָגט מען, זי איז זייער שיין...
נאָר איך ווייס ניט, צי דאַרפֿסט דו זיך פֿרייען... } 2 מאָל
פֿלה׳ניו, ווייך־זשע, וויין!

מען האָט דיך אין צרות דערצויגן,
געמוטשעט זיך אָן אַ שיער,
געקוקט אין דײַנע אויגן,
געציטערט איבער דיר.

דו פֿילסט עס, מײַן קינד, מן־הסתּמא:
דײַן האַרץ איז בשׂר־ודם,
פֿאַרגעס־זשע ניט טאַטע־מאַמע.
פֿלהניו, ווײַן־זשע, ווײַן! } 2 מאָל

דו וועסט תּמיד דערמאָנען,
וואָס דו האָסט קינדווײַז געפֿילט;
אַט־דאָ ביסט דו געשטאַנען,
אַט דאָרטן האָסט דו זיך געשפּילט.
די יונגע יאָרן פֿאַרשוועבן...
זיי קומען צוריק ניט צו גיין...
אַזוי פֿאַרגייט אונדזער לעבן...
כּלהניו, ווײַן־זשע, ווײַן! } 2 מאָל

אַז דאָס גליק וועט דיר שײַנען און לײַכטן,
פֿאַרגעס ניט דעם אָרעמאַן,
דער מענטש מוז תּמיד טראַכטן,
וואָס וועט מיט אים מאָרגן זײַן.
אוי, יעדער מענטש איז אָרעם,
ווי רײַך ער וואָלט נישט געווען —
אַזוי זאָגן אונדזערע ספֿרים...
פֿלהניו, ווײַן־זשע, ווײַן! } 2 מאָל

אַז דײַן מאַן וועט טרערן פֿאַרגיסן,
פֿאַרביטערט וועט זײַן דאָס האַרץ,
זאָלסטו אים זײַן לעבן פֿאַרזיסן,
פֿאַרגרינגערן זײַן שמאַרץ.
דײַנע קינדערלעך זאָלסט דו געבן
אונדזער אומגליק צו פֿאַרשטיין,
אַז ווינען הייסט בײַ אונדז לעבן...
כּלהניו, ווײַן־זשע, ווײַן! } 2 מאָל

דעם חתן פֿירט צו דער כלה,
באַשיט אים מיט בלומען גיך,
אַט וועלן מיר בעטן אַלע,
ער זאָל דיר זײַן מצליח.
ווו דו וועסט זיך ווענדן און קערן,
זאָל גאָט פֿאַר דיר תמיד שטיין;
ער זאָל דײַנע טרערן דערהערן— } 2 מאָל
כלהניו, וויין־זשע, וויין!



די ראָד (פלהס צד)





שלאָגט, קלעזמער, אין די טאַצן!
ווער וועט אַצינד מיך שאַצן?
אוי, אוי, גאָט איז גרויס!
ער האָט דאָך געבענטשט מײַן הויז —
די מיזינקע גיב איך אויס,
די מיזינקע אויסגעגעבן!
די מיזינקע אויסגעגעבן!

שטאַרקער! פֿריילעך!
דו די מלכּה, איך דער מלך!
אוי, אוי, איך אַליין
האָב מיט מײַנע אויגן געזען,
ווי גאָט האָט מיר מצליח געווען —
די מיזינקע אויסגעגעבן! 2 מאָל

שטאַרקער! בעסער!
די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער!
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט,
גליק האָט ער מיר געבראַכט,
הוליעט, קינדער, אַ גאַנצע נאַכט —
די מיזינקע אויסגעגעבן! 2 מאָל

דער טרײַער פּעטער יאָסי
און די גוטע מומע סאָסי
האָבן מיר צום חתן־מאָל
טײַערע ווײַנען אַ צאָל
מיר געשיקט פֿון ארץ־ישׂראל —
די מיזינקע אויסגעגעבן! 2 מאָל

מאָטל! שמעון!
די אָרעמע לײַט זײַנען געקומען,
שטעלט זיי דעם שענסטן טיש,
טײַערע ווײַנען, טײַערע פֿיש!
אוי, ווײ, טאָכטער, גיב מיר אַ קוש —
די מיזינקע אויסגעגעבן! 2 מאָל

אייזיק! מזיק!
די באָבע גייט אַ קאָזיק*
קיין עין־הרע, זעט נאָר, זעט,
ווי זי טופּעט, און ווי זי גייט!
אוי, אַ שׂמחה, אוי, אַ פֿרייד —
די מיזינקע אויסגעגעבן! 2 מאָל

איציק! שפּיציק!
וואָס שווײַגסט דו מיט דעם שמיציק?
אויף די קלעזמער טו אַ געשריי,
צי שפּילן זיי, צי שלאָפֿן זיי;
רײַסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי —
די מיזינקע אויסגעגעבן! 2 מאָל

* קאָזאַק, „קאַזאַטשאָק", קאָזאַק־טאַנץ.

א פריילעכס (חתנס צד)





די מחותּנים גייען,
קינדער,
לאָמיר זיך פֿרייען —
שאַט נאָר, שאַט!
דער חתן איז גאָר אַ װוּנדער —
שפּילט אַ װיװאַט דעם חתנס צד!

אַט גייט דער פֿעטער
קנה
מיט דער מומע חנה —
שאַט נאָר, שאַט!
דאָס איז די בעסטע מתּנה,
שפּילט אַ װיװאַט דעם חתנס צד!

דעם חתנס שװעסטער
פֿריידל
נעמט זיך אַרײַן אין רעדל —
שאַט נאָר, שאַט!
זי דרייט זיך װי אַ דריידל —
שפּילט אַ װיװאַט דעם חתנס צד!

רבי אלי דעם חתנס
פּעטער
דאָס בײַכל גלעט ער —
שאַט נאָר, שאַט!
ער איז פּעטער פֿון אַלע פּעטערס —
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתנס צד!

אַט גייט דער מחותּן
מינדיק,
מיט וואָס האָבן מיר פֿאַרזינדיקט —
שאַט נאָר, שאַט!
ער בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק —
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתנס צד!

נעמט ביי די הענט אײַך
אַלע,
דער חתן מיט דער כּלה —
שאַט נאָר, שאַט!
גאָט זאָל זיי זײַן ממלא —
דעם חתנס און דער כּלהס צד!

די באָבע גייט אַ טאַנץ

— 1 —

כ׳גיי און טראַכט
אַ ט־די נאַכט —
גאָט, ווי האָסט דו מיך דערהויבן!
אַט אַזוי,
אַט אַזוי,
וויל איך, זיסער גאָט, דיך לויבן!
אַז די ברכה קומט פֿון אויבן,
האָסט דו שוין מײַן האַרץ דערהויבן...
און מיט פֿריידפֿולן געזאַנג
בוק איך מיך צו דיר מיט דאַנק,
אַז די ברכה קומט פֿון אויבן,
האָסט דו שוין מײַן האַרץ דערהויבן...
אַז מען רופֿט דיך — וואַרטסטו ניט לאַנג,
אַ טאַנץ! אַ טאַנץ!
דער באָבען קומט אַ טאַנץ!

אוי, קינדער מײַנע,
איך האָב צו גאָט קיין טענה,
אויף אַלע אײַערע וועגן —
זאָל גאָט אײַך גיין אַקעגן!
אַז די ברכה קומט פֿון אויבן,
האָסטו שוין מײַן האַרץ דערהויבן.

— 2 —

איך בין שוין אויך געווען
יונג און שיין —
אוי, איר מעגט מיר אַלע גלייבן!

אַט אַזוי,
אַט אַזוי,
פֿלעג איך זינגען, טאַנצן, שוועבן.
אוי, איך קען אײַך זאָגן, כ׳לעבן,
אַז אַ טאַנץ איז אונדזער לעבן,
אַז מען טאַנצט זיך גוט אָן,
מוז מען ענדיקן דעם קאָן.
אוי, איך קאָן אײַך זאָגן, כ׳לעבן,
אַז אַ טאַנץ איז אונדזער לעבן.
וואָס־זשע הייבט דאָס האַרץ צו וויינען איצטער אָן?!
אַ טאַנץ! אַ טאַנץ!
דער באַבען קומט אַ טאַנץ!

אוי, קינדער מײַנע,
איך האָב צו גאָט קיין טענה,
אויף אַלע אײַערע וועגן
זאָל ער אײַך גיין אַקעגן!
אוי, איך קאָן אײַך זאָגן, כ׳לעבן,
אַז אַ טאַנץ איז אונדזער לעבן —
גאָט! דו איינער ווייסט מײַן האַרץ, מײַן האַרץ!

— 3 —

כאָטש כ׳בין באַלד
אַכציק אַלט,
נאָר ס׳גייט נישט אין די יאָרן!
כאָטש ניט יונג,
מוזסטו גרינג
אויף דעם ים אין לעבן פֿאָרן!
לאָזן כוואַליעס איבערן גאָרן —
קוק ניט אויף די אַלטע יאָרן! —

דו מוזסט שװימען, דו מוזסט פֿאָרן
נענטער אַלץ צו גאָט אַרויף,
און אַזוי ביז אין דײַן סוף,
לאָזן כװאַליעס איבערן גאָרן —
קוק ניט אויף די אַלטע יאָרן...
גלייב אין גאָט און נאָר אויף אים פֿאַרהאָף!
אַ טאַנץ! אַ טאַנץ!
דער באַבען קומט אַ טאַנץ!

אוי, קינדער — — —

דער זיידע מיט דער באָבע



ס'איז היינט אַקוראַט געוואָרן פופציק יאָר,
אַז זיי לעבן אינאיינעם, דאָס אַלטע פּאָר:
זיי האָבן זיך געעלטערט — קוקט אייך צו! —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

כאָטש דער זיידע מיט דער באָבע זיינען קורץ און קליין,
נאָר דער זיידע מיט דער באָבע זיינען מלא חן;
ער מיטן שפּיצעכדיקן בערדעלע, מיטן גוידערל זי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

גאָט האָט זיי מיט עושר און כּבֿוד באַגליקט,
אין לעבן האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט געקריגט;
נאָר „באָטעלע״, נאָר „באָבעלע״ רופֿן זיי זיך צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

זיי זײַנען הײַנט געגאַנגען ביידע אין שול
און האָבן דאָרט טאָקע געדאַוונט פֿיל;
גאָט האָט זיי געהאָלפֿן — ברוך הוא! —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

פֿון דער שול זײַנען זיי אַהיים געגאַנגען גלײַך,
אויפֿן טיש איז שוין געשטאַנען לעקעך אַ סך,
און די אייניקלעך האָבן געוואַרט שוין פֿון אין דער פֿרי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

דער זיידע האָט זיך געוואַשן פֿון דער זילבערנער טאַץ,
אויפֿגעגאָסן האָט דאָס אייניקל, איך זאָג אײַך, אַ שאַץ,
יענטעלע, די שוואַרץ־חנעוודיקע, אַט־אַ־די —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

דער עולם האָט זיך, קיין עין־הרע, געזעצט צום טיש,
און אַז מע האָט אויפֿגעגעבן די פֿײַערדיקע פֿיש,
האָט אַ דרשה געזאָגט ר׳ הערשעלע־צבֿי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

ווי דער זיידע איז געווען תּמיד אַ פֿרומער ייִד,
ייִדן טאָן גוטס איז ער קיין מאָל ניט מיד,
דערפֿאַר העלפֿט אים גאָט, אי שפּעט, אי פֿרי —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

און ווי די באָבע איז געווען אַ ווײַבעלע מלא חן,
דאָס צירונג פּאַסט איר נאָך איצטער, זאָגט אַליין!
די באָבע האָט געטאָן אַ שמייכל דערצו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

דער עולם האָט גענומען צו ביסלעך ווײַן
און דעם זיידן מיט דער באָבען אין ראָד אַרײַן,
די אייניקלעך האָבן געפּליעסקעט צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

מע האָט געזען, דער עולם זאָל זיך ניט פֿרי צעגיין,
דער פֿעטער לייבוש האָט זיך געלאָזט אַ קאָזאַק אַליין,
די מומע סאָסי איז געגאַנגען אַקעגן אויף איין קני —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

אַזוי האָבן זיי געהוליעט ביז האַלבער נאַכט.
„באָבעלע — זאָגט דער זיידע — אַ גוטע נאַכט!
שלאָף מיר געזונט און דעק זיך גוט צו! —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

דער זיידע איז געווען שוין זייער אַלט,
איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרן באַלד...
די באָבע האָט ניט געקאָנט מאַכן די אויגן צו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

זי האָט זיך דערמאָנט, אָט־דאָ, ליגנדיק אין בעט,
ווי מע האָט איר נאָטען פֿאַר אַ חתן גערעדט,
אַ מופֿלג איז ער געווען און שיין דערצו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

די באָבע האָט אָנגעהויבן צו דרימלען מיטאָמאָל,
איר חלום וועל איך אײַך דערציילן אַן אַנדערש מאָל...
לאָמיר זיי ביידע שוין לאָזן צו רו —
אַכציק ער און זיבעציק זי.

דער ווינטער



אוי, העלפֿט מיר, קינדער, אונטער —
קיין פּוחות איז ניטאָ.
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

ער פרעגט קיינעם קיין דעות,
ער קומט ווי צו זיך אהיים,
מיט דער וואסער באָרד און פאות,
מיט דער וואסער, גרויסער ברעם.

דורך טאָל און וועלדער יאָגט ער,
געהויקערט צו דער ערד;
מיט זיך אַ בעזעם טראָגט ער
און קערט, און קערט, און קערט!

מיט שניי געבעט די פעלדער,
פארפרוירן שטייט דער וואלד,
די פעלדער און די וועלדער —
זיי ברומען: קאַלט! ס'איז קאַלט!

אין בעט ליגט קראַנק מײַן שיינדל,
מיט איר דאָס קליינע קינד,
נישטאָ אין שטוב קיין שפענדל,
אין פענצטער וויינט דער ווינט...

ער שווײַגט, דער אַלטער זיידע,
ער מאַכט זיך ניט פון דעם,
ער לאַכט אין די פויסטן ביידע
און שאָקלט מיט דער ברעם...

ער וויל קיינעם ניט שוינען,
כאָטש שרײַ, כאָטש וויין אַן שיער...
וווּ צער און עלנט וווינען,
דאָרט קלאַפּט ער אין דער טיר.

אוי, העלפט מיר, קינדער, אונטער —
קיין כוחות איז ניטאָ,
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

שמחת תורה


Kin—der mir ho—bn Sim—chas Toi—re
Sim—chas Toi—re oif der gan—tzer welt
Toi—re iz di bes—te schoi—re
azoi hot der re—be mit undz ge—knelt
f
oi wei oi oi oi
frei—lech kin—der ot a—zoi



קינדער, מיר האָבן שׂמחת־תּורה,
שׂמחת־תּורה אויף דער גאַנצער וועלט.
תּורה איז די בעסטע סחורה —
אַזוי האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט.

אוי, וויי, אוי־אוי־אוי!
פֿריילעך, קינדער, אָט אַזוי!
רענדלעך שיטן זיך פֿון די זעק,
פֿריילעך — אָן אַן עק!

כאָטש איך בין מיר אַן אָרעם ייִדל
און עס דאַרט מיר גוט דער מוח,
שׂמחת־תּורה זינג איך אַ לידל,
און מאַך אַ גוטע כּוסה אויך.
אוי, וויי — — —

ווער סע קען ניט מיינע צרות,
זאָל זיי ניט קענען — זאָג איך אײַך;

נאָר טאָקע גלײַך מיט אַלע שׂררות
בין איך שׂמחת־תּורה רײַך.
אוי, ווײ — — — —

דבֿורה, גיב מיר די נײַע קאַפּאָטע,
איך וועל זי אָנטאָן טאָקע אַצינד.
איך וועל דיר זאָגן, אַלצדינג איז בלאָטע,
אַבי מען איז, ברוך־השם, געזונט!
אוי, ווײ — — — —

ווו איז בערל און ווו איז דוואָשע?
רוף זײ אַלע אין שטוב אַרײַן!
די מומע סאָסי, דעם פֿעטער יאָשע,
זאָלן זײ אַלע פֿריילעך זײַן!
אוי, ווײ — — — —

שׂמחת־תּורה — פֿון גאָט אַ מתּנה —
זאָל אונדז תּמיד הייליק זײַן!
אַפֿילו די שטערן מיט דער לבֿנה
זײַנען געגאַנגען טרינקען ווײַן...
אוי, ווײ — — — —

דבֿורה, גיס־זשע נאָך אָן אַ גלעזל
פֿון דעם יום־טובֿדיקן ווײַן!
וואָס האָסטו דו אַראָפּגעלאָזט דאָס נעזל?
אַ רוח אין מײַנע שונאימס טאַטן אַרײַן!
אוי, ווײ — — — —

אוי, ווײ, דבֿורה, וואָס האָסטו מורא,
כ'בין אַ ביסל פֿריילעך, כ'קען ניט שטיין?
דבֿורה לעבן, שׂמחת־תּורה —
ווער איז ניט פֿריילעך? זאָג אַליין!
אוי, ווײ — — — —

צי עס דרייען זיך מיט מיר די גאַסן,
צי עס דרייט זיך מיט מיר די שטוב *
דבֿורה, אַט האָסט דו באמת גענאַסן! —
לעבן זאָלסטו דו, דאָס לעבן איז ליב!!!
אוי, וויי — — —

קינדער, מיר האָבן שׂמחת־תּורה,
שׂמחת־תּורה אויף דער גאַנצער וועלט.
תּורה איז די בעסטע סחורה —
אַזוי האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט.

אוי, וויי, אוי־אוי־אוי!
פֿריילעך, קינדער, אָט אַזוי!
רענדלעך שיטן זיך פֿון די זעק —
פֿריילעך אָן אַן עק!

* ח. גראַמט „שטיב" מיט „ליב".

די באָבע

כ׳ליג און טראַכט
טאָג ווי נאַכט,
גאָט זאָל מיך דערהערן —
ביסט שוין באַלד
צוואַנציק אַלט,
צײַט אַ חתן ווערן.

אונדזער שטאָט
איז אַ סאָד,
וואַקסן דען ניט בלומען?
קלײַב דיר אויס
פֿון זיי אַ רויז,
מיר צוליב, בנימין.

צירעלע,
מירעלע,
גאָלדענע צוויי קינדער;
גיטעלע,
ריטעלע —
כ׳זאָג דיר, גאָר אַ וווּנדער!

פּערעלע,
שׂרהלע —
גאָר צוויי שיינע טייבן!
פּעסעלע,
גנעסעלע —
וואָס איז דאָ צו קלויבן?

חנהלע,
ברײַנעלע —
אוי, אַ דימענט יעדע...
רחלע,
ברכהלע —
הימל־שטערן ביידע!

כאַנטשעניו,
שפּרינצעניו —
קענען נאָר געפֿעלן!
ריקעלע,
מיקעלע —
פֿאַרן קייסער נאָר צו שטעלן!

כ׳ליג און טראַכט
טאָג ווי נאַכט:
וואָס איז דאָס מיט דיר, בנימין?
ביסט שוין באַלד
צוואַנציק אַלט —
און ביסט אַ בחור נאָך, בנימין?

אונדזער שטאָט
איז אַ סאָד
פֿון היילע, שיינע בלומען...
קלײַב דיר אויס
פֿון זיי אַ רויז,
מיר, צוליב, בנימין!

דער שדכן משה־אהרן

וואָס האָט מען דאָ די וועלט צו נאַרן
און צו ריידן אַזוי פֿאַרשטעלט —
איך בין דער שדכן משה־אהרן,
און ס׳שמט מיט מיר די וועלט.
מיך קען אי רײַך, מיך קען אי אָרעם,
איר קענט מיר גלייבן אויף מײַן וואָרט,
אַז איר וועט פֿאָרן קיין צפֿון אָדער דרום —
טרעפֿט איר מיך תּמיד אויף מײַן אָרט.

אין די פּערעדניעס * האָב איך פֿײַנט צו אָרן, **
ס׳מעג בײַם גרעסטן נגיד זײַן:
„ר׳ משה־אהרן, ר׳ משה־אהרן,
איך בעט אײַך, קומט אין זאַל אַרײַן!״
דאָ גיי איך מיט דעם קאַפּעליוש נאָך דער מאָדע,
דאָס העלפֿט צום שידוך גאָר אַ סך —
הייבן הייב איך אָן צו ריידן פֿון דער פּאָגאָדע ***
דערנאָך גיי איך איבער צו דער זאַך.

דאָ מוז מען וויסן ווי צו דרייען דעם שליסל,
אָט־דאָס פֿאַרשטיי איך אַקוראַט,
דאָ מוז מען זײַן אַ דאָקטער אַ ביסל,
און טאָקע אַ שטיקל אַדוואָקאַט.
דאָ מוז מען וויסן אַלע סעקרעטן
און ווי דער דײַטש זאָגט: „זײַ ניכט דומ״ ****!
נעם איך אַרויס אַלע פּאָרטרעטן
און צעלייג מיך מיט מײַן קראָם...

נומער איינס: קוקט מיט מײַנע אויגן,
קיין מאָל ערגער זאָל ניט זײַן:

---

* (רוס׳) קאָרידאָרן, הױעסטיבלען. — ** וואָרטן. — *** וועטער. — **** נאַריש!

זי האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט דעם עלנבויגן,
קלוימערשט קוקט זי אין בוך אַריַין,
דאָ מעג מען אַוועקשטעלן דאָס לעבן,
מען דאַרף נאָר האָבן אַ ביסל קוראַזש,
דאָ גיט מען פּופציק טויזנט, כ׳לעבן,
און אַ קוואַרטיר אין בעל־עטאַזש *...

וואָס זאָגט איר עפּעס אויף דעם אַנטיקל,
אין אירע אויגן איז דאָ חן אַ סך,
איך וואָלט מיר גענומען אָט־דאָס שטיקל,
איך זאָל זיַין אַ בחור, שווער איך איַיך...
נאָר זי איז משוגע מסתּמא,
איך קאָן איר ניט צוטרעפֿן אַקוראַט:
איך האָב איר געגעבן אַ דאָקטער, שריַיט זי: „מאַמע!
ניין, איך וויל דווקא אַ קאַנדידאַט **!"

האָב איך איר אַ קאַנדידאַט געפֿונען,
איך האָב אים אויסגעקראַצט פֿון ארץ־ישׂראל —
שריַיט זי: „מאַמע"! — זי איז פֿון דעם זינען —
זי וויל ביידע מיטאַמאָל...

וואָס זאָל איך איַיך זאָגן, גלייבט מיר אַלע,
ס׳מאַכט זיך, איך ווער פּשוט צעדולט ***:
דאָ גיב אַ חתן, דאָרט אַ כּלה,
יענעם שיק צוריק דאָס בילד...
טאַטעניו! ביז מען דערלעבט צו הערן,
אַז חתן־כּלה האָבן זיך געזען,
קאָן מען גיכער משוגע ווערן
און פֿאַרלירן אַלע ציין...

---

* (פראַנצ׳) ווי עס פירט זיך ביי מיוחסים (אויפן 2טן גאָרן). — ** אַזאַ נאָמען האָט אין צאַרישן רוסלאַנד געהאַט אַן אַדוואָקאַט. — *** משוגע.

די קאָן נישט פֿאָרן — זי האָט באַקומען דעם קאַטאַר,
ביי אים האָט זיך צעבראָכן אין וועג אַ ראָד,
די וויל זיך מיט אים זען אין טעאַטער,
די אַנדערע — אין אויסלאַנד, אין אַ באָד...
וואָס טויג אייך דאָס פֿאָרן און דאָס ריפּען* —
וואָלט דען ניט, כ'לעבן, בעסער געווען
לאָזן זיי גיכער שטעלן אַ חופּה
און זען וועלן זיי שוין במילא זען.

און אַז דער שידוך איז געלונגען
און איך האָב אין אים גאָר פֿאַרגעסן גאָר,
הייבן זיי מיך אָן גוט צו באַזינגען
און צו פֿאַרשעלטן מיינע יאָר...
זיי הייבן זיך אָן ביי די קעפּ צו רייסן
און צו פֿאַרשעלטן דאָס געביין —
לאָזן זיי זיך רייסן, לאָזן זיי זיך בייסן,
לאָזן זיי זיך אַרויסנעמען די ציין...

צי ווייסן זיי ניט, אַז גאָט זיצט אויבן
און פֿירט אונטן מיט זיין גרויסער האַנט,
און מיך האָט ער צו דער מדרגה דערהויבן,
איך זאָל זיין אַ שדכן אין גאַנצן לאַנד.

זייט מיר געזונט, און טאַקע אַלע,
מיר וועלן זיך נאָך זען מן־הסתּם,
אַז איר וועט דאַרפֿן אַ חתן אָדער אַ כּלה,
קלאַפּט צו מיר אַ טעלעגראַם;
מיר וועלן, כ'לעבן, זיך ניט נאַרן —
איך האָב די סחורה, איר דאָס געלט...
איך בין דער שדכן משה־אהרן,
און ס'שמט מיט מיר די גאַנצע וועלט...

* קראַצן, שאָבן, זוכן, אויספּרוּוון (דאָס קול, די פֿידל).

דער פּאָדעם


Andante
p
Di zun hot zich ba—hal—tn ir
shain iz shoin ni—to—ich nei un nei ich
ze ich ze di nacht zi iz shoin do ie-der
shtoch mit der no—dl tut mir a shtoch in
har—tzn kei—ner wejs nit main pain un mai—ne
Lento
mf
shmar—tzn dos po—nim dos po—nim wi



די זון האָט זיך באַהאַלטן,
איר שײַן איז שוין ניטאָ.
איך נײ און נײ,
איך זע, איך זע *
די נאַכט — זי איז שוין דאָ.
יעדער שטאָך מיט דער נאָדל
טוט מיר אַ שטאָך אין האַרצן...
קיינער ווייס נישט מײַן פּײַן און מײַנע שמאַרצן.
דאָס פּנים, דאָס פּנים,
ווי דער טויט בלאַס;
דער פֿאָדעם, דער פֿאָדעם
פֿון טרערן נאַס.

דער טאַטע איז געשטאָרבן,
די מאַמע אין שפּיטאָל.
איך נײ און נײ,
איך זע, איך זע
איר ווייטיק אַלע מאָל.
כ׳גײ מאָרגן צו דער מאַמען

* וו. גראַמט „נײ״ (פֿון נייען) מיט „זע״, ווייל אין זײַן דיאַלעקט ווערט אַרויסגערעדט „איך זײ״, אַנשטאָט „איך זע״.

אויף אַ גאַנצע נאַכט —
מאַמע, איך האָב דיר מײַן נשמה געבראַכט.
דאָס פּנים, דאָס פּנים — — — —

דוד האָט אָפּגעשיקט די תּנאים —
ווײ איז מײַנע יאָר!
איך ניי און ניי,
איך זע, איך זע
גענאַרט האָט ער מיך גאָר!
ער גייט אַן אַנדער מיידל.
אַ כּלה, יאָ, מיט געלט...
וויסט און פֿינצטער איז מײַן וועלט!
דאָס פּנים, דאָס פּנים — — — —

בײַ דער שווערסטער אַרבעט
שטייט דודס בילד פֿאַר מיר.
איך ניי און ניי,
איך זע, איך זע
גליקלעך איז ער מיט איר!
נאָר וואָס איז זי דאָ שולדיק —
זי האָט דאָך אויך אַ האַרץ...
אפֿשר פֿילט זי דעם אייגענעם שמאַרץ!
דאָס פּנים, דאָס פּנים — — — —

דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען,
נאָר ס׳גייט ניט אויס מײַן קלאָג.
איך ניי און ניי,
איך זע, איך זע
ס׳איז שוין געוואָרן טאָג.
אָפּגעריסן האָט זיך דער פֿאָדעם,
ווי ׳מײַן האַרץ, אויף צוויי...
טרערן גיסן, כּרערן טראָפּען אויף זיי.

דאָס פּנים, דאָס פּנים,
ווי דער טויט בלאַס;
דער פֿאָדעם, דער פֿאָדעם
פֿון טרערן נאַס.

דאָ אויף דער פּריזבע*

דאָ אויף דער פּריזבע בין איך געזעסן
און האָב אַ פֿייגעלע געזען,
ס'האָט זיך זײַן קערנדל געגעסן,
געזונגען, געשפּרונגען מלא חן.
אָבער איך זיך דאָ באַוואַשן מיט טרערן,
ערטערווײַז צאַפּט זיך פֿון מיר דאָס בלוט.
גאָטעניו, זאָלסט מײַן תּפֿילה דערהערן, } 2 מאָל
וואָלסט מיך גענומען צו זיך די מינוט.

וויַן־סוחרים זײַנען צום טאַטן געקומען
און איך האָב געהערט, וואָס זיי האָבן געשמועסט.
דו האָסט אַן אַנדער ווײַב דיר גענומען
און מײַנע יאָרן פֿאַרוויסט.
דו האָסט געלאָזט מיך מיט צוויי פּיצלעך קינדער,
און דאָס דריטע איז אונטער דעם האַרץ.
זיי זוכן, זיי פֿרעגן יעדער באַזונדער: } 2 מאָל
— וווּ איז דער טאַטע — גרויס איז דער שמאַרץ.

* דרויסנבאַנק, אויפֿן גאַניק אָדער ביים אַרײַנגיין אין אַ דאָרפֿישער שטוב.

איך קאָן מיר קיין אָרט דאָ אַצינד ניט געפינען,
אַזוי האָסטו דו מײַן וועלט פאַרשטערט;
נעם איך מיר רויטע פעדער שפּינען,
ווערן זיי שוואַרץ אַזוי ווי די ערד.
פון מײַנע טרערן, פון מײַנע ווייען
גייען מײַנע פּוחות צוביסלעכווײַז אויס.
ווײַל איך דעם קינד אַ פּאָר העמדלעך נייען, } 2 מאָל
קומען פון זיי תּכריכים אַרויס...

אָבער געדענקסטו, וואָס דו פלעגסט מיר זאָגן,
אַז ס'האָבן מיט מיר געווײַנט די ווענט;
שטיינער און ליים האָסטו צוגעזאָגט טראָגן —
הײַנט טראָגסטו זי דאָרט אויף דײַנע אייגענע הענט.
אָבער דו מיינסט, אַז איך בין שטאַרקער פון אײַזן
און אַן דיר איז מיר דאָס לעבן ליב?
צוגעזאָגט האָסטו אַ וועלט מיר צו ווײַזן } 2 מאָל
און האָסט מיר אָנגעוויזן אַ גרוב. *

דאָ אויף דער פּריזבע בין איך געזעסן
און איך האָב אַ פייגעלע געזען —
ס'האָט זיך זײַן קערנדל געגעסן,
געזונגען, געשפּרונגען מלא חן.
אָבער איך זיץ דאָ באַוואָשן מיט טרערן,
עמערווײַז צאַפּט זיך פון מיר דאָס בלוט.
גאָטעניו, זאָלסט מײַן תּפילה דערהערן — } 2 מאָל
זאָלסט מיך גענומען צו זיך די מינוט.

** װ. גראַמט „ליב״ מיט „גריב״.

וואָס מער ס'בלוטיקט מײַן הארץ...

טרערן


Andante con moto
Du zogst az in tzwei — en iz
grin — ger tzu klo — gn tzu
wei — nen in tzwei — en wert
grin — ger der shmartz oi
ni — te main bru — der wi
ken — stu dos zo — gn in



דו זאָגסט, אַז אין צווייען איז גרינגער צו קלאָגן,
צו וויינען אין צווייען ווערט גרינגער דער שמאַרץ —
איז ביטע, מײַן ברודער, ווי קענסטו דאָס זאָגן?

אין צווייען איז שווערער דאָס אומגליק צו טראָגן,
אָזעלכע טרערן פֿאַרקלעמען דאָס האַרץ

איינס קען איך דיר זאָגן, איינס קען איך דיר שווערן:
מײַן האַרץ האָב איך אויסגעווײנט לאַנג שטילערהייט,
ווען קיינער פֿון אײַך פֿלעג ניט זען מײַנע טרערן,
ווען גאָט נאָר אַליין פֿלעג אין שטילן מיך הערן,
פֿלעגט גרינגער מיר ווערן מײַן צער, מײַן לייד.

מיט איין בליק...

מיט איין בליק איז מײַן גליק
מיט דיר אַוועקגעפֿלויגן...
ווו איך שטיי און ווו איך גיי,
שטייסט דו פֿאַר מײַנע אויגן;
אי דאָ, אי דאָרט, אויף יעדן אָרט,
דערמאָן איך דיך, מײַן לעבן —
וואָס וואָלט איך ניט געגעבן,
איך זאָל טון אויף דיר אַ קוק!

אומעטום בלאָנדזשע איך אַרום
און זע בלומען שיינע,
נאָר דו, נאָר דו, קוק איך מיך צו,
ביסט געווען די איינע.
וואָס כ׳האָב אַמאָל, אויף בערג און טאָל,
געזוכט אויף מײַן לעבן —
אוי, וואָס וואָלט איך ניט געגעבן,
איך זאָל טון אויף דיר אַ קוק!

נאָך איר

ניט אַזוי דער טאָג, דער שיינער,
האָט מיך צוגעצויגן,
ווי דײַן פּנים, דימענט ריינער,
דײַנע זיסע אויגן.
ניט אַזוי די זיסע בשׂמים
פֿון די גרינע וועלדער,
ווי דײַן שיינקייט אונטער בלומען
אויף די ווײַטע פֿעלדער.
ניט אַזוי די טרויער־טענער
פֿון די הימל־שטערן,
ווי דײַן ליד וואָס האָט פֿון שטיינער
אויסגעריסן טרערן.
ס'לעצטע מאָל האָסט דו געזונגען —
וואָלט איך דעמאָלט וויסן!
האָסט דאָס האַרץ מיר דורכגעדרונגען
און עס אויסגעריסן...
איז דאָס אומגליק פֿאָרט געקומען,
מיך צו דר'ערד געבויגן,
און אויף אייביק צוגענומען
מײַנע זיסע אויגן!...
דו האָסט מיר געזונגען לידער,
כ'וועל זיי שוין ניט הערן,
פֿון דעם לײַד, פֿון דײַנע ברידער
און פֿון זייערע טרערן.
וואָס־זשע שײַנט דער טאָג, דער שיינער,
און די הימל־שטערן?
אַז איך בין געבליבן איינער,
איך מיט מײַנע טרערן...

דער שטיין

אין אַ סטעפּ, װוּ װינט און קעלטן
יאָגן מיט געװיין,
איז געלעגן, װײַט פֿון װעלטן,
עלנט, װיסט, אַ שטיין.

עלנט איז ער דאָרט געלעגן
צו דעם אומגליק גרייט...
מיט אַ טרויעריקן ניגון
האָט דער װינט געװייט.

ניט געװוּסט האָט ער פֿון פֿריידן
אויף דער װיסטער ערד,
קיינער האָט פֿון זײַנע ליידן
אויף דער װעלט געהערט.

נאָר דער הימל מיט די שטערן,
מיט אַ שטיל געװיין,
האָבן דאָס מיט הייסע טרערן
תּמיד צוגעזען.

און אַז ס'פֿלעגט שטאַרק פֿינצטער װערן
און אַ װינט פֿלעגט װייען,
פֿלעגן טרערן פֿון די שטערן
פֿאַלן אויף דעם שטיין.

יאָרן, טעג זײַנען פֿאַרגאַנגען,
טרערן מער און מער —
און דער שטיין איז זיך צעגאַנגען
אין אַ שטילער טרער...

גיב די האַנט, איך וויל דיר זינגען,
ס'איז דאָס לעצטע מאָל...
זאָל דאָס ליד אין האַרץ דורכדרינגען —
וויינען בערג און טאָל.

טרערן ליגן אין די לידער,
אויפֿן האַרץ אַ שטיין...
אוי, איר וועלטן! אוי, איר, ברידער!
הערט איר מײַן געוויין?

אויף איר קבֿר

פֿון דעם ים, דעם ווײַטן,
האָט מיך לײַד געטראָגן,
כ'בין צו דיר געקומען
דײַן קבֿר צו באַקלאָגן.

דאָרט, אויף דעם בית־עולם,
אויף דעם פֿעלד, דעם אַלטן,
האָט מען דיך געטראָגן,
האָט מען דיך באַהאַלטן.

אוי, כ'בין אַלט, צעבראָכן,
מיד איז יעדער אבֿר,
פֿינצטער איז מיר, דינה,
ווי בײַ דיר אין קבֿר!

דאָרט אַרויף, קיין דרום,
וויל איך מיך דערמאָנען,
צווישן אַלטע קבֿרים
איז דײַן שטיין געשטאַנען...

װאָס מער ס׳בלוטיקט מײַן האַרץ

װאָס מער ס׳בלוטיקט מײַן האַרץ,
װאָס מער כ׳פֿיל אין אים קעלט,
װאָס מער טיפֿער מײַן שמאַרץ –
איז מיר װײַטער די װעלט...

װאָס מער ס׳בלוטיקט מײַן האַרץ,
װאָס מער לײדן עס האָט,
װאָס מער טיפֿער מײַן האַרץ —
איז מיר נענטער אַלץ גאָט!

דו האָסט געגוג געליטן!

שוואַרצע וואָלקנס זע איך ציִען

שוואַרצע וואָלקנס זע איך ציִען,
גאָט ווייס וווהין זיי גייען...
אפשר גייען זיי קיין ציון,
דאָרט די מאַמע צו זען... } 2 מאָל

זי צו זען און צו זאָגן
פֿון דעם האָרץ אַרויס,
ווי מיר וויינען און ווי מיר קלאָגן
און ווי דאָס חיות גייט־אויס. } 2 מאָל

אײַנגעהילט אין אַ דעקטוך אַ שווערן
זיצט די מאַמע אויף דער ערד —
דאָ זיצט זי שבֿעה און גיסט הייסע טרערן
גאָט האָט אַוודאי געהערט. } 2 מאָל

דעק־אָפּ דײַן דעקטוך, טײַערע מאַמע,
לאָז אונדז דיך צו זען,
אַז דו וויינסט אַזוי ביטער — מן הסתמא
איז אַן אומגליק געשען. } 2 מאָל

ווי זאָל איך ניט וויינען, ווי זאָל איך ניט קלאָגן,
און זיצן דאָ אויף דעם אָרט —
אַז מ׳האָט געהרגעט, געקוילעט, געשלאָגן
מײַנע קינדער דאָרט? } 2 מאָל

דער ייִד אין וועג

(טרילאָגיע)

1. דער חלום

דאָרטן, אונטער דעם בוים, שלאָפֿט זיך רויִק דער ייִד.
אוי, זײַן פּנים איז שוואַרץ, יעדער אבֿר איז מיד;
יעדער אבֿר איז מיד און צעבלוטיקט די פֿיס...
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפֿט אַזוי זיס...
ער איז איצטער אין וועג, אי בײַטאָג, אי בײַנאַכט.
ער איז איצטער אין וועג, אי פֿאַרשטויבט, אי פֿאַרשמאַכט.
יעדער אבֿר איז מיד און צעבלוטיקט די פֿיס.
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפֿט אַזוי זיס.
ניטע, וועקט אים ניט אויף — ווייל דעם אָרעמען ייִדן!
גייט פֿאַרבײַ, גייט אַוועק! לאָזט אים רוען צופֿרידן!
אין שלאָף פֿילט ניט דער מענטש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ;
אין שלאָף רוט די נשמה, דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ.

און עס חלומט זיך אים: גרינע וועלדער אין טאָל,
בלומען בליִען אויף זיי אָן אַן עק, אָן אַ צאָל,
און וואָס טיפֿער ער גייט, אי וואַלד־אויס, אי וואַלד־אײַן,
שײַנט די זון אויף אים מער מיט איר פּראַכט, מיט איר שײַן.
ער דערמאָנט זיך אַצינד אין אַמאָליקער צײַט,
וויפֿל לייד, וויפֿל צער ער האָט, נעבעך, געהאַט...
ער דערמאָנט זיך אַצינד — אוי, די צײַט איז ניט ווײַט —
ס'איז פֿאַרשוווּנדן די צײַט און פֿאַרוויִט ווי דער רויך...
און די זון, און די זון שײַנט, און שפּיגלט זיך הויך.
ניטע, וועקט אים ניט אויף — ווייל דעם אָרעמען ייִדן!
גייט פֿאַרבײַ, גייט אַוועק! לאָזט אים שלאָפֿן צופֿרידן!
אין שלאָף פֿילט ניט דער מענטש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ;
אין שלאָף רוט די נשמה, דאָס בלוטיקע האַרץ.

דאָרטן, אונטער דעם בוים, שלאָפֿט זיך רויִק דער ייִד.
אוי, דאָס פּנים איז שוואַרץ, יעדער אָבֿר איז מיד;
יעדער אָבֿר איז מיד, און צעבלוטיקט די פֿיס...
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפֿט אַזוי זיס!
ער איז איצטער אין וועג — אי בייטאָג, אי ביינאַכט —
ער איז איצטער אין וועג — אי פֿאַרשטויבט, אי פֿאַרשמאַכט.
יעדער אָבֿר איז מיד און צעבלוטיקט די פֿיס.
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפֿט אַזוי זיס!
ניטע, וועקט אים ניט אויף — ווייל דעם אָרעמען ייִדן!
גייט פֿאַרביי, גייט אַוועק! לאָזט אים רוען צופֿרידן!
אין שלאָף פֿילט ניט דער מענטש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ;
אין שלאָף רוט די נשמה, דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ.

און סע חלומט זיך אים גאָר אַ נייע מין וועלט,
אַזוי גרויס ווי די וועלט, זעט ער, ציט זיך אַ פֿעלד;
ייִדן שניידן און זאַמלען און בינדן דאָס ברויט.
די זון זעצט זיך. דער הימל איז פֿייערדיק רויט.
און זיי רופֿן צו גאָט: „מיט דיין האַנט, מיט דיין מאַכט
האָסטו אָפּגעטיילט טאָג פֿון דער נאַכט, גרויסער גאָט,
און דער באַרג, און דער טאָל זינגען אַלע: „אחד"!

ניטע, וועקט אים ניט אויף — ווייל דעם אָרעמען ייִדן!
גייט פֿאַרביי, גייט אַוועק! לאָזט אים רוען צופֿרידן!
אין שלאָף פֿילט ניט דער מענטש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ,
אין שלאָף רוט די נשמה, דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ.

דאָרט, אונטער דעם בוים, שלאָפֿט זיך רויִק דער ייִד.
אוי, דאָס פּנים איז שוואַרץ, יעדער אָבֿר איז מיד;
יעדער אָבֿר איז מיד און צעבלוטיקט די פֿיס.
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפֿט אַזוי זיס.
ער איז איצטער אין וועג — אי בייטאָג, אי ביינאַכט.

ער איז איצטער אין וועג — אי פֿאַרשטויבט, אי פֿאַרשמאַכט.
יעדער אבֿר איז מיד און צעבלוטיקט די פֿיס,
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפֿט אַזוי זיס.
ניטע, וועקט אים ניט אויף — ווייל דעם אָרעמען ייִדן!
גייט פֿאַרבײַ, גייט אַוועק! לאָזט אים רוען צופֿרידן!
אין שלאָף פֿילט ניט דער מענטש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ;
אין שלאָף רוט די נשמה, דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ.

און סע חלומט זיך אים, אַז ס'איז יום־טובֿ אַצינד,
און ער זיצט אין דער היים מיט זײַן ווײַב, מיט זײַן קינד.
ס'איז אַ ברכה פֿון גאָט — ער האָט יום־טובֿ געמאַכט,
און ער שמייכלט צום קינד, און ער קושט עס, און לאַכט.
און ער זאָגט צו דעם קינד: „עס דאָס שטיקעלע ברויט!"
און ער זאָגט צו דעם קינד: „דו וויס קיין מאָל קיין נויט!"
און ער זאָגט צו דעם קינד: „וויס קיין צער און קיין פּײַן!"
און ער זאָגט צו דעם קינד: „פֿאַר דײַן קאָפּ זאָל מיר זײַן!"
ניטע, וועקט אים ניט אויף — ווייל דעם אָרעמען ייִדן!
גייט פֿאַרבײַ, גייט אַוועק! לאָזט אים רוען צופֿרידן!
אין שלאָף פֿילט ניט דער מענטש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ;
אין שלאָף רוט די נשמה, דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ.

דאָרטן, אונטער דעם בוים, שלאָפֿט זיך רויִק דער ייִד.
אוי, דאָס פּנים איז שוואַרץ, יעדער אבֿר איז מיד.
יעדער אבֿר איז מיד און צעבלוטיקט די פֿיס.
נאָר ער שלאָפֿט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפֿט אַזוי זיס!

2. שטיי־אויף!

(הינטער דער סצענע הערט מען זינגען מענער, באַס־שטימעס.
דער כאָר איז אויף דער סצענע)

די זון שטייט הויך, די וועלדער בליִען,
פֿון צפֿון ווייט אַ קילער ווינט.

שטיי אויף, מײַן האַרץ — ניט װײַט איז ציון,
געשלאָגן האָט די שעה אַצינד.

שטיי־אויף, מײַן האַרץ, און האָב ניט מורא,
ניט יאָגן װעט נאָך דיר דער פֿײַנט —
פֿאַר דיר װעט גײן די הייליקע תּורה
און אויסגעשטרעקט װעט זײַן מײַן האַנט.
כאָר: שטיי־אויף מײַן האַרץ — — — —

דו האָסט געענוגט, מײַן האַרץ, געליטן
אויף יעדן שריט, אויף יעדן טריט;
האָסט ניט געהאַט קיין טאָג קיין גוטן,
דו האָסט געענוגט פֿאַרגאָסן בלוט...
כאָר: שטיי־אויף, מײַן האַרץ — — — —

דו האָסט געװיינט, דו האָסט געבעטן,
כ׳האָב דיך דערהערט אין מײַן געצעלט —
איך האָב צעבראָכן דײַנע קייטן,
איך האָב געעפֿנט דיר די װעלט...
כאָר: שטיי־אויף, מײַן האַרץ — — — —

3. די טעכטער ציונס זינגען

(די סצענע שטעלט־פֿאָר אַ באַרג. אויף דעם באַרג זיצן יונגע מיידלעך און קינדער. מענער זינגען אין כאָר)

קאַנטאָר:

אוי, הער ישׂראל! אָט־דאָס איז אונדזער הייליקע תּורה,
פֿאַרבאָרגן אין איר ליגט דאָס הייליקע געבאָט.
די װעלט האָט געװאָלט אונדז פֿאַרשטױסן אָן מורא,
נאָר אַנדערש האָט גאָט מיט זײַן װילן געדאַכט, גרױסער גאָט!
ס׳גיסט מער קיין בלוט און דאָס האַרץ שלאָגט אָן פּחד, אָן מורא...

פֿרײַ ביסטו אַצינד מיט דײַן ווײַב, מיט דײַן קינד — ווײַל איז דיר!
די שמחה איז גרויס — ס'איז באמת אַצינד שמחת־תּורה!
ווי העל שײַנט די זון — ס'איז אוממעגלעך צו קוקן אין איר!

(די מיידלעך און קינדער מיט בלומען גייען־אַראָפּ פון דעם באַרג.
זיי האַלטן בלומען און גירלאַנדעס. זיי טאַנצן און זינגען)

די טעכטער ציונס זינגען,
די זיסע לידער קלינגען,
ווײַבאַלד די לידער קלינגען
בליט־אויף ביז נאַכט דאָס פֿעלד.

די זון קומט צו דערמאָנען
דער נאַכט: „אַוועק פֿון דאַנען —
איך מוז די וועלט באַשײַנען...
אַן מיר איז ניט קיין וועלט!"

(טענץ)

די הימלען זיינען אָפֿן,
די נאַכט איז ווײַט אַנטלאָפֿן —
מיט לעבן און מיט האָפֿן
ווערט ליכטיק דאָרט אין וואַלד...

די טעכטער ציונס זינגען,
די זיסע לידער קלינגען —
ווײַבאַלד די לידער קלינגען,
דאַן פֿרייט זיך יונג און אַלט.

די זון שטייט הניך. די וועלדער בליִען.
דער ירדן וויגט זיך שטילערהייט.
און דער לבֿנון קוקט אויף ציון —
די אַלטע מוטער וויינט פֿאַר פֿרייד.

(ביים טאַנצן פאַלט דער פאָרהאַנג)

ציון


Andante con moto
Fun der welt far — iogt far — tri — bn
un in har — tzn mit a wund bin a — lein ich
do ge — bli — bn on a kind un on a
rind a — le zai — nen zich tze — fo — rn
der a — her un der a — hin un oif mai — ne
al — te io — rn zing ich mir a lid fun zi — on

פון דער וועלט פאַריאָגט, פאַרטריבן,
און אין האַרצן מיט אַ ווינט
בין אַליין איך דאָ געבליבן
אַן אַ קינד און אַן אַ רינד.
אַלע זײַנען זיך צעפאָרן
דער אַהער און דער אַהין,
און אויף מײַנע אַלטע יאָרן
זינג איך מיר אַ ליד פון ציון.

ציון, ציון, גרויסער נאָמען!
ציון, ציון, הייליק וואָרט!
אַלטע ביימער, שיינע בלומען
וואַקסן אויף דײַן הייליק אָרט.
ציון! דו וועסט אייביק בלײַען,
תּמיד בײַ איז דײַן געבאָט.
גרויסער גאָט, דו ביסט אין ציון!
ציון, דו ביסט גרויס בײַ גאָט!

גרויסער גאָט! זאָלסט מיר באַשערן
צוצופאַלן צו דײַן ערד
און פאַרגיסן הייסע טרערן,
אויב איך בין בײַ דיר דאָס ווערט.
צוצופאַלן צו די קבֿרים,
צו דער וואַנט פון דעם געוויין,
אוי, כ׳בין אָבער אַלט און אָרעם,
ציון וועל איך שוין ניט זען...

כ׳וועל פאַר אײַך דאָ, קינדער, בעטן
גאָט דעם זיסן פרי און שפּעט,
ער זאָל אײַך אַהין באַגלייטן,
ווי ר׳האָט אונדז אַמאָל באַגלייט.

און אין ציונס גרויסן נאָמען
און אין ציונס הייליק וואָרט,
נײַע ביימער, נײַע בלומען
זאָל ער לאָזן וואַקסן דאָרט.

אַז איך וועל אין קבֿר ליגן
וועט אַ פֿייגעלע צופֿליִען,
און וועט זינגען אָט־דעם ניגון
און דאָס לידעלע פֿון ציון:
„ציון, ציון, גרויסער נאָמען!
ציון, ציון, הייליק וואָרט!
כ׳האָב פֿון דאָרט געבראַכט די בלומען
און אַ צווײַגעלע פֿון דאָרט“.

„אָט־דאָס צווײַגעלע, דאָס גרינע,
האָב איך דיר פֿון דאָרט געבראַכט,
ווו עס שײַנט אונדזער אמונה,
אונדזער קרוין און אונדזער פּראַכט.
דאָרט איז קיין מאָל ניט קיין ווינטער,
דאָרט איז קיין מאָל ניט קיין קעלט,
ווײַל די זון גייט דאָרט ניט אונטער
און באַשײַנט די גאַנצע וועלט!“

לשנה הבאה בירושלים!



צי ווייסט איר, ווי עס הייסט דאָס אָרט,
די זון גייט קיין מאָל אונטער דאָרט?
איך וועל אײַך זאָגן מיט איין וואָרט:
— ציון הייסט דאָס אָרט.
שרײַט־זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
— „לשנה הבאה בירושלים״!

איר זעט דאָך, קינדער, מן־הסתם:
די זון — זי שפּיגלט זיך אין ים.
דאָס שפּיגלט זיך אונדזער גליק —
גייט נאָר טוט אַ קוק!
שרייט־זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
— „לשנה הבאה בירושלים״!

אין ציון, אונדזער הייליק אָרט,
וועלן מיר בלומען זייען דאָרט.
ביימער ביז אין הימל הויך,
און אתרוגים אויך.
שרײַט־זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
— „לשנה הבאה בירושלים״!

פֿילן וועלן מיר ניט קיין נויט,
גאָט וועט אונדז געבן תּמיד ברויט,
יעדעס פֿעלד מיט ברויט באַשיט —
גיט קיין עין־הרע ניט! —
שרייט־זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
— „לשנה הבאה בירושלים״!

דערמאָנט אײַך, קינדער, נאָר אין דעם,
אַז מיר וועלן זײַן אין אונדזער היים,
וועט זיך ניט גיסן, קיינמאָל ניט,

יִדיש, יִדיש בלוט...*
שרײַט־זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
— „לשנה הבאה בירושלים״!

אַז אַ פרעמדער וועט קומען אין אונדזער לאַנד,
וועלן מיר אים פרײַנדלעך געבן די האַנט;
נאָר דער קען יענעמס צער פאַרשטיין,
וועמ עס האָט געליטן אַליין...
שרײַט־זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
— „לשנה הבאה בירושלים״!

* ח. גראַמט „ניט״ מיט „בליט״.

די זון


Allegreto
Di zun iz oif— — ge-
gan—gen es shaint in — — ie—dn ort mit
hi —ml— she— — ge—zan—gen fli—en
fei—gl— — do un dort herl zi—se li— — der
klin—gen zei ne— men dos hartz a —rois zei
klin—gen zei ba— zin—gen di welt— wi— zi iz



די זון איז אויפגעגאַנגען,
עס שײַנט אין יעדן אָרט...
מיט הימלשע געזאַנגען
פליִען פייגל דאָ און דאָרט.
הער! זיסע לידער קלינגען,
זיי נעמען דאָס האַרץ אַרויס...
זיי קלינגען, זיי באַזינגען
די וועלט, ווי זי איז גרויס.

ווי זאָל די זון ניט שײַנען,
די פייגל זיך נישט פרייען:
גאָט פירט אונדז אויס פון דאַנען,
אויס טרערן, אויס געוויין!
די הענט שוין אויפגעבונדן...
צעבראָכן ליגט די קייט...
דער גלות איז פאַרשוווּנדן,
פאַרשוווּנדן צער און לייד!

ביז וואַן די זון וועט זינקען —
דערלאַנגט דעם בעסטן ווײַן!
לחיים וועל איך טרינקען:
לאָז גאָט מצליח זײַן!
לחיים אונדזערע ברידער,
לחיים אונדזערע פרײַנד!
קלינגט הויך, קלינגט הויך,
איר, לידער,
אויף תמיד, אַזוי ווי הײַנט.

די זון איז אויפגעגאַנגען,
זי שײַנט אין יעדן אָרט...
מיט הימלשע געזאַנגען
פליִען פייגל דאָ און דאָרט.
הער! זיסע לידער קלינגען —
זיי נעמען דאָס האַרץ אַרויס...
זיי קלינגען, זיי באַזינגען
די וועלט, ווי זי איז גרויס.

צו דער כאראקטעריסטיק

פון מארק ווארשאווסקיס לעבן און שאפן

•

בלעטער פון געשיכטע, שפראכפארשונג, קריטיק און זכרונות

שלום עליכם

וועגן מארק ווארשאווסקי און זיינע לידער

וואונדערבאר איז די געשיכטע פון אונדזער פאלק ישראל, וואונדערלעך איז אונדזער יידישע ליטעראטור, נאך מער וואונדערלעך איז די ביאגראפיע פון אונדזערע שרייבערס, פאעטן און משוררים. אייגנטלעך איז ביי אונדז, יידן, נישטא קיין שרייבער ווי ביי לייטן, דאס הייסט נישטא ביי אונדז אזעלכע, וואס זאלן זיך אפגעבן נאר מיט שרייבעריי אליין; מען קען זאגן, אז ביי אונדז איז כמעט נישטא קיין איינציקער שרייבער, וואס זאל לעבן פון דער פען. ביי אונדז שרייבט יעדער, ווער עס וויל, נישט דער וואס קען, וואָרום דער וואס קען — יענער קאן נים שרייבן, מחמת ער איז פארטשעפעט נאר אין עפעס אנדערש, אין דאגות־פרנסה. ער עסט א שטיקל ברויט. דעריבער געפינען זיך ביי אונדז אזוי פיל טאלאנטן, וואס גייען לאבוד, ווערן פארפאלן, מען באמערקט זיי נישט. מיינט נישט פון דעסטוועגן, אז ביי אונדז שרייבט מען חלילה ווייניקער ווי ביי אלע אנדערע פעלקער; אדרבה, אדרבה, יידן געפינט איר א סך אזעלכע, וואס שרייבן אפילו און האבן נישט אויף צו שרייבן, פארגיסן טייכן טינט, פארדארבן פאפיר און פעדערס און רחמנות, און דרוקן ביכער און ביכלעך אין די טויזנטער. נאר נישט פון דעם מין שרייבער וויל איך ריידן אצינד. איך ריד פון די אמתע טאלאנטן, וואס ליגן אין דער פארבארגעניש, וואס יאגן נישט ארויסצוווייזן זיך אויף דער יידישער וועלט און וואס מע באדארף זיי זוכן און געפינען. איינער פון די דאזיקע טאלאנטן איז דער פארפאסער פון די „יודישע פאלקס־לידער" מ. מ. ווארשאווסקי.

...עס האט זיך געמאכט, אז גאר אומגעריכטס האבן איינינקע פון זיינע באקאנטע (און איך אויך בתוכם) דערהערט אים זינגען און שפילן זיינע

יידישע לידער — און מיר זיינען אלע געווען אנטציקט. מיר האבן דער־הערט א ביי מין געזאנג, מיר האבן דערפילט א פריש מין געשמאק, א באזונדער מין זיסקייט, סיי אין די ווערטער, סיי אין דער מעלאדיע, און מיר האבן זיך צוגעזעצט צו אים, ער זאל זיי ארויפשרייבן אויף פאפיר. און פון יענער צייט אן קאן מען שוין הערן ווארשאווסקיס לידער זינגען אין א סך יידישע הייזער.

...מען זאל פארשטיין אקוראט ווארשאווסקיס לידער, מוז מען זיי הערן זינגען, ווארום דאס זיינען נישט גלאט אזוי שירים וואס גראמען זיך — שטראם־גראם. דאס זיינען לידער און לידער פארן פאלק; דאס זיינען אזעלכע לידער, וואס אין זיי שפיגלט זיך אפ, ווי אין א לויטער וואסער, דאס גאנצע לעבן פונעם יידישן פאלק מיט אלע יידישע פריידן און ליידן, יידישע צרות, דער יידישער דלות, יידישע טרערן... ווארשאווסקיס לידער זיינען נישט נאר קינות, קלאגלידער אליין; אדרבה, מערסטנטייל זיינען זיי דווקא פריילעכע, לעבעדיקע לידער, וואס אפילו אז זיי הייבן זיך אן טרויעריק, מיט אן אומעטיקן מאטיוו, לאזן זיי זיך אפט מאל אויס מיט א געלעכטער.

קיעוו, 1900.

פון דער הקדמה
צו דער 2טער אויסגאבע

...אין א געשפרעך מיט א געשווירענעם אדוואקאט אין קיעוו (מ. מ—ר) דערציילט מיר דער דאזיקער אדוואקאט א מעשה, אז ער איז געפארן מיט זיינעם א קאלעגע, אויך א געשווירענעם אדוואקאט, מ. מ. ווארשאווסקי, פון קיעוו קיין וואסילקאוו אין געריכט אריין, האט אים אט־דער ווארשאווסקי דעם גאנצן וועג געזונגען יידישע לידלעך אין „זשארגאן". נאר אזעלכע, וואס צעגייען זיך ממש אין אלע אברים. באזונדער איז אים פארבליבן אין טעם א לידל, וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער:

„אוי, מאכט כאנצי בולקעס!
אוי, באקט זי בייגל!"...

— ווען־ס לידלעך זיינען דאס? ווו קריגט מען זיי און ווו זיינען זיי געדרוקט?

— זיינע אייגענע לידלעך, אין ערגעץ נישט געדרוקט. ער אליין מאכט די לידער, ער אליין באשאפט די מוזיק צו זיי און ער אליין זינגט זיי — אלצדינג אליין.

— סטייטש, וואָס־זשע שווייגט איר? גיט אים אַהערצוצו, אָט־דעם פויגל!

און ס'איז געבליבן, אַז אין אַ פרייען טאָג ברענגט ער מיר אים צו פירן.

דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז מיר געווען באַקאַנט פון לאַנג אין קיעוו. דאָס איז געווען אַ געשוווירענער אַדוואָקאַט, אַ טיפּ פון יענעם מין גע־שווירענע אַדוואָקאַטן, וואָס כאַפּן ניט קיין שטערן, קנאַקן ניט, לאָזן זיך ניט הערן אויף דער וועלט, זיצן זיך שטיל אין זייער קאַבינעט, קוקן לאַנג־לאַנג אַרויס אויף אַ קליענט, נאָר אַז דער קליענט איז געקומען, איז ער שוין זיכער, אַז ער האָט געטראָפן ניט צו קיין אַדוואָקאַט, וואָס קוקט אין דער האַנט אַריין און שאַצט אים די קעשענע, נאָר צו אַ פריינד, צו אַ ברודער, וואָס וועט אים אויסהערן ווי אַ פריינד און באַהאַנדלען ווי אַ ברודער.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע מענטשן פלאָגן זיך זייער גאַנץ לעבן, פירן אַ ביטערע מלחמה, קומען קוים־קוים אויס מיטן שטיקל ברויט און ווערן געעלטערט פאַר דער צייט.

אויף וואַרשאַווסקין איז דאָס אָבער געווען שווער צו דערקענען. דאָס איז געווען אַ פאַרשוין אַ לעבעדיקער, אַן אמתער קאַסריליק — אַן אָרעמס און אַ פריילעכס, און צווישן חברה געשווירענע אַדוואָקאַטן — די נשמה. קיין אָוגט, קיין יום־טוב, קיין קערמעשל איז זיך ניט באַגאַנגען אָן מאַרק מאַרקאָוויטשן. ווארום מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי האָט געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט אויף צו פריילעך מאַכן דעם עולם מיט זיינע אויסגע־צייכנטע הומאָריסטישע עקספּראָמטן אין ריימען, וואָס ער האָט אויך גע־קאָנט, ווען איר ווילט, צוטראַכטן צו יעדן אייניציקן נאָמען און מיט דער בעסטער כאַראַקטעריסטיק אָפּשילדערן אייך אַ מענטשן אין דריי־פיר ווערטער.

קופּערניק מיט זיינע גלענצענדיקע רעדעס און וואַרשאַווסקי מיט זיינע עקספּראָמטן־קופּלעטן האָבן געשמט אין שטאָט און ביידע זיינען געווען געליבט אין אַלע אינטעליגענטישע קרייזן פון קיעווער ראַיאָן. נאָר אַז דער זעלביקער וואַרשאַווסקי קאָן אויך יידישע לידלעך מאַכן אין „זשאַרגאָן" — דאָס איז מיר אַפילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען. מען קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ נייגעריקייט איך האָב אַריינגע־קוקט אויף וואַרשאַווסקין מיט זיינע לידלעך.

די עטלעכע טעג זיינען אַריבער — מע האָט מיר געבראַכט דעם פויגל.

אַ מענטש פון אַריבער פופציק, קורצן וווקס, מיט קורצזיכטיקע, נאָר שמייכלענדיקע און אַ סך ריידנדיקע אויגן, גוט געפּאַקט, אָן אָנגעטראָגן

רעקל מיט אַ ביסל אויסגעריבענע עלנבויגנס, אַן אַלט־געזעסענער שניפּס, אַ גיך געגנגל, אַ שיין קול און אַ שטאַרק־הילכיקער געלעכטער — אָט דאָס איז וואַרשאַווסקיס פּאָרטרעט.

דער גאַסט האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, זיך אוועקגעזעצט צום פּאָרטעפּיאַן און גענומען זינגען און זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן זיינע שיינע לידער מיט אַזוי פיל הומאָר און געפיל, און מיט אַזאַ שיינער, האַרציקער שטימע, אַז איך האָב אים פּשוט אַרומגעכאַפּט קושן:

— גזלן! פאַרוואָס לאָזט איר ניט אָפּדרוקן די דאָזיקע לידער? ווען איך זאָל ניט וויסן, אַז דאָס זיינען אייערע אייגענע, וואָלט איך געמעגט שווערן, אַז איך האָב זיי אַמאָל געהערט זינגען פון מיין מאַמען!

אַזוי פיל פאָלקסטימלעכקייט האָט זיך געפונען אין די ווערטער און אַזוי פיל פּראָסטקייט אין זייערע מעלאָדיעס!

דער געדאַנק פון לאָזן דרוקן די לידער איז אָבער געווען פון וואַרשאַווסקין אַזוי ווייט, אַז ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון. און דערצו האָט ער זיך מיר מודה געווען, אַז כאָטש ער האָט אַמאָל שטודירט אין דער ראַבינער־שול (אין זשיטאָמיר), האָט ער יידישקייט געלערנט אַזוי ווינציק און פאַרגעסן אַזוי פיל, אַז ס'איז אים שווער אפילו אָנצושרייבן זיינע לידער אויף פּאַפּיר.

קעגן דעם האָט זיך אָבער געפונען אַ מיטל — און מיר האָבן אים גענומען אַטאַקירן פון אַלע זייטן אַזוי לאַנג, ביז מען האָט ביי אים געפּועלט, ער זאָל מיר דיקטירן דעם טעקסט און פּאָר אַ מוזיקער — די נאָטן, און דער ערשטער באַנד וואַרשאַווסקיס לידער איז למזל צונויפגעשטעלט געוואָרן, אין מע האָט זיך גענומען זיי אַרויסגעבן על חשבון התברה פון קיעוו.

יענע צייט איז געווען די צייט פון ציוניזם: ציוניסטישע אָוונטן, פאַרזאַמלונגען אין דיסקוסיעס. און אַזוי ווי די פאַרזאַמלונגען זיינען באַשטאַנען פון סאַמע הייסע דעבאַטן און טרוקענע — אָפּט מאָל אַ ביסל צו־טרוקענע — רעדעס, האָט מען זיך שטאַרק געניטיקט אין אַ פאַרבייסעכץ, אין אַ מין קאָמפּאָט — „פור לאַ באָן בוש", ווי דער פראַנצויז דריקט זיך אויס.

דער דאָזיקער קאָמפּאָט איז געווען די ערשטע צייט שלום־עליכמס „מעשיות", און דערנאָך זיינען צוגעקומען אויך וואַרשאַווסקיס לידער.

ס'איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין איין אָוונט, איין ציוניסטישע פאַרזאַמלונג, מע זאָל אונדז נישט שלעפּן פון „קרעשטשאַטיק" אויף „פּאָדאָל" און פון „פּאָדאָל" אויף „קרעשטשאַטיק". איך האָב געמוזט עפּעס פאַרלייענען און וואַרשאַווסקי האָט געמוזט עפּעס זינגען — און ניט „עפּעס"

זינגען, נאָר טאַקע אַ סך זינגען! אַלצדינג, וויפל ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער געמוזט אויסזינגען, גאָר אָן אַ שום תירוץ — כאָטש נישט מיין לייענען, נישט וואַרשאַווסקיס געזאַנג האָבן זיך אָנגעקערט מיטן ציוניזם. ס'איז שוין אָבער געוואָרן אַזאַ רגילות — פאַרפאַלן! אָנגערעדט זיך ווי די פויקן און אָנגעגעסן זיך מיט דעבאָטן, האָט מען אוועקגעשטעלט אַ טישל, צונויפגערוקט די בענקלעך, אוועקגעזעצט שלום־עליכמען אויבנאָן און די ערנסטע פאַרעסקטע פנימער האָבן שוין באַצייטנס, אויף קרעדיט, געשענקט אַ שמייכל, און ס'איז אַרויס אויף דער סצענע קאַסרילעווקע, און דער עולם האָט זיך געפילט גאַנץ יום־טובדיק.

נאָר דער אמתער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, אַז וואַרשאַווסקי האָט זיך אוועקגעזעצט ביים ראָיאַל. באַלד נאָך די ערשטע צוויי־דריי לידער האָבן אָנגעהויבן פליען באַשטעלונגען פון אַלע זייטן, ווי פון געבעטענע באַלעבאָטים אויף אַ חתונה:

— „טייערע מאַמע“!

— „אַ גוט מאָרגן, יענקעלע“!

— „תנחום דער טרובאַטש“!

— „די מיזינקע“! „די מיזינקע“!

— „שמחת־תורה“! „שמחת־תורה“!

און דער גוטער וואַרשאַווסקי, וועלכער האָט ניט געוווסט, וואָס הייסט אָפזאָגן, אַז יענער וויל, האָט אויסגעהערט אַלע באַלעבאָטים און מיט פאַרגעניגן געגעבן יעדן באַלעבאָס, וואָס ער פאַרלאַנגט, נעבעך גוט געשוויצט, גלייך ווי מע וואָלט אים געצאָלט דערפאַר מי יודע וויפל!

נישט איין מאָל, גייענדיק פון די אסיפות ביינאַכט צופוס (אויף צו באַשטעלן פאַר די אומזיסטע „אַרטיסטן“ אַ פאַיעטאָן — דערויף איז קיינער נישט געפאַלן), האָט ער מיר מיט זיין הילכיקן גוטמוטיקן געלעכטער איבערגעגעבן און באַוויזן, אַז דאָס העמד איז אויף אים „פיטש נאַס“.

— כאָטש אויסצודרייען, אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין, כאַ־כאַ־כאַ!

נאָר אָט איז געקומען די צייט, ער זאָל שוין אַ מאָל דערלעבן נחת אויך. עס איז אַרויס מיט גאָטס הילף דער באַנד מיט לידער, געדרוקט אין קיעוו בהשתדלות פון פריינד און ציוניסטן. און מחמת די לידער זיינען שוין געווען באַקאַנט, האָט מען די ערשטע טויזנט ביכלעך צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער, נישט איבערגעלאָזט אַפילו אויף אַ רפואה.

· מאַלט אייך, קיין גרויסע גליקן האָט דער מחבר ביי דעם געשעפט נישט געקאָנט מאַכן. ער איז געווען גליקלעך, וואָס זיינע פריינד האָבן

געדעקט די קאָסטן. אַ בעלן אויף אַרויסצוגעבן די צווייטע אויפלאַגע האָט זיך עפּעס ניט געפונען. אַ קונה, וואָס זאָל וועלן באַצאָלן דערפאַר דעם „מחבר" עטלעכע הונדערטער במזומן — אוודאי ניט (פאַר זשאַרגאָנישע לידלעך מזומן געלט!), אַליין אַרויסצוגעבן דאָס ביכל — האָט וואַרשאַווסקי ניט פאַרמאָגט קיין מאָל אַזאַ גרויסן קאַפּיטאַל. סיידן מיט דער צייט, אַז דער אייבערשטער וועט רחמנות האָבן... גאָט, אַז ער וויל, קען ער!...

דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט כבוד — אַ יובילײ!

איך מאַך ניט קיין שפּאַס: מיר האָבן אים געפּראַוועט אַ יובילײ.

אַזוי האָט דאָס טאַקע געהייסן: „דער אַנדערטהאַלבן־יאָריקער יובל פון וואַרשאַווסקיס לידער".

דאָס האָט באַדאַרפט הייסן: אַזוי ווי אַנדערטהאַלבן יאָר האָבן זיך וואַרשאַווסקיס לידער בהשתדלות פון פריינד און ציוניסטן געדרוקט און זיינען מיט גאָטס הילף אין אַ גוטער שעה אַרויס פון דרוק — איז אַ גוט יום־טוב אייך, יידן!

דעם יובל האָט מען „געפייערט" טאַקע ביי מיר אין שטוב. פורים איז דאָס געווען (אויב איך האָב קיין טעות נישט), נאָך דער סעודה.

אַ יום־טוב איז דאָס געווען דווקא אַ פריילעכער, מיט טאָסטן און מיט רעדעס.

סאַמע אין מיטן יום־טוב האָבן זיך אַריינגעריסן אַ בינטל קיעווער סטודענטן, יונגע לייט, וואַרעמע, היציקע, יידיש בלוט, און מע האָט געמאַכט אַ כוסה, און מען האָט געהויבן אַ טאָסט, און מען האָט גערעדט אַ ריידעניש, און מע האָט געלויבט דעם מחבר אין טאָג אַריין, געבענטשט אים מיטן נאָמען „דער יידישער בעראַנזשע", און מע האָט געכאַפּט אַ ריקודל מיטן בעל־היובל און מיטן באַלעבאָס, און מע האָט געטאַנצט, און מע האָט געזונגען — חי־געלעבט!

ווי נאָר ס'איז אויספאַרקויפט געוואָרן דאָס ביכל, איז דער נאָמען פון וואַרשאַווסקיס לידער גיך געוואָרן מפורסם נישט נאָר אין קיעוו און אַרום קיעוו, נאָר ווייט־ווייט איבערן גאַנצן לאַנד איז כמעט נישט געווען די יידישע שטוב, וווּ מען זאָל ניט וויסן צו זינגען דעם „אלף־בית". און דער קול, אַז דער פּראָפעסאָר אַליין זינגט זיינע לידער פאַרן עולם אין קיעוו, האָט דערגרייכט אויך אין אַנדערע שטעט, און מיר האָבן ביידע אָנגעהויבן באַקומען זייער־פריינדלעכע איינלאַדונגען פון אַ סך גרויסע און קליינע שטעט, מיר זאָלן קומען לוסטיק מאַכן דעם עולם — איך מיט מיינע „מעשיות", וואַרשאַווסקי מיט זיינע „לידלעך"... אַז דאָס איז לעבן איז ליב, איז די וועלט הפקר!

דאָס איז געווען די גליקלעכסטע צייט, קאָן מען זאָגן, דער סאַמע פּרילינג פון וואַרשאַווסקיס לעבן. איך געדענק אַזוי ווי היינט דעם חשבון, וואָס ער האָט מיר געמאַכט פון אונדזער ערשטער טורנע איבערן לאַנד.

— צו למ״ד אלפים! — האָט ער מיר געזאָגט מיט זיין הילכיקן געלעכטער — צו למ״ד אלפים דאַרף אונדז איבערבלייבן ריינע, אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין!

— און דערנאָך וועלן מיר איבערשווימען דעם ים — האָט ער געגנורמען פאַנטאַזירן ווייטער — און מאַכן אַ רייזע איבער אַמעריקע, און דאָרטן וועלן מיר איבערקערן די וועלט!...

נאָר דער וועלט איז, אַ פּנים, באַשערט געווען, זי זאָל ניט איבערגעקערט ווערן. וואָרום פון אונדזער גאַנצער נסיעה און נאָך אַלע איינלאַדונגען זיינען מיר דערווייל געווען נאָר אין צוויי סאַמע נאָענטע שטעט: אין בעלאַצערקאָוו און באַרדיטשעוו — און וויי־וויי, וואָס ס'האָט זיך געטאָן! עס האָבן געשוויצט די ווענט! עס האָט געקאָפּעט פון דער סטעליע! אַ דערשטיקעניש!

אמת, צו למ״ד אלפים איז נאָך געווען גענוג ווייט (למ״ד איז געווען, נאָר די „אלפים״ האָבן געפעלט). מיר האָבן אָבער געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע וועלט. שוין געווען צוגעגרייט פאַר אונדז איין אָוונט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און פון דאָרטן האָבן מיר באַדאַרפט פאָרפאָרן קיין אָדעס, און ווייטער, און נאָך ווייטער. האָט זיך גאָט אַריינגעמישט און ס'האָט זיך געטראָפן אַ מעשה:

געקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָב איך געפונען אַ דעפּעש בסך־הכל פון דריי ווערטער: „וואַרשאַווסקי געפערלעך קראַנק״...

אין ווען טרעפט זיך אַזאַ זאַך? וועט איר האָרכן, ס'איז כדאַי צו וויסן.

כל ימיו האָט זיך וואַרשאַווסקי, נעבעך, געראַנגלט מיטן דלות, ווי אַן אמתער העלד, חלילה ניט אַרויסבאַווייזן קיינעם, אַז ער אין זיין פאַמיליע (אַ ווייב און אַ טאָכטער) ליידן נויט. נאָר גראָד אויף דער עלטער, שוין צו עטלעכע און פופציק יאָר, געפעלט עפּעס אַן אייזן־קאָמפּאַניע פון דאָנער באַסיין, חלילה ניט קיין יידן, נאָר בעלגיער, קריסטן, מען זאָל אַראָפּברענגען צו זיך אין דער קאָנטאָר, אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, אַלס פּראָקוריסט, אַן אָנשטענדיקן, אַן אָרנטלעכן יוריסט פון קיעוו, ער מעג זיין אַ ייד. און ווו קאָן מען קריגן אַ מער אָנשטענדיקן און מער אָרנטלעכן מאַן, ווי מ. מ. וואַרשאַווסקי?

און אָט אַזוי איז אונדזער וואַרשאַווסקי פלוצים מיטאַמאָל נתגדל געוואָרן, באַקומען אַ שטעלע פון זעקס טויזנט רובל אַ יאָר

געהאַלט, מיט אַ דירה, מיט אַלעם גרייטן, מיט אַ פאַיעטאָן און מיט פערד — אַז מען שמועסט פון כל טוב!

וואָס טוט גאָט? זאָגט ער, אַז אַנשטענדיקע און ערלעכע לייט דאַרף ער אַליין האָבן. און וואַרשאַווסקי לייגט זיך אַוועק, מוטשעט זיך פריער אַ יאָר אין אומטענטשלעכע ליידן — און דער יידישער בעראַנזשע שטאַרבט אַוועק עלנט און פאַרגעסן פון דער גאַנצער וועלט און לאָזט איבער אַ פאַמיליע אָן שום מיטלען צום לעבן — — —

וואַרשאַווסקי איז געשטאָרבן און זיינע לידער האָבן אָנגעהויבן ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער פּאָפּולער אינעם יידישן פאָלק, ביי אונדז, אין דער „טשערטאַ”* און אויך ווייט־ווייט, אונטער דער „טשערטאַ”. נישט נאָר ביי אונדז, נאָר אין אויסלאַנד, אין אַמעריקע און נאָך ווייטער פון אַמע־ריקע אויך.

אויף אַלע יידישע קאָנצערטן טרעטן־אַרויס קינסטלער, וואָס זינגען אויסגעצייכנט וואַרשאַווסקיס לידער, נאָר דער אַנטיק דערביי איז, וואָס ביי די לידער און אויף די אַפישן ווערט זייער זעלטן (כמעט קיין מאָל ניט) דערמאָנט דער נאָמען וואַרשאַווסקי.

נאָך מער: נישט לאַנג איז מיינער אַ חבר, אַ יידישער שרייבער פון וואַרשע, געווען אין אַדעס אויף אַ יידישן קאָנצערט און איז נתפעל גע־וואָרן, ווי אַזוי אַן אַרטיסטן האָט געזונגען אַ יידיש „פאָלקסליד”:

„שטאַרקער! שטאַרקער!
רייסט די סטרונעס, רייסט אויף צוויי —
די מיזינקע אויסגעגעבן”

ביי דעם יידישן שרייבער איז וואַרשאַווסקיס ליד אַ פאָלקסליד, און דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז ניט דערמאָנט ביי אים!

ווער ווייסט? אפשר איז דאָס אַ מעלה? אפשר איז דאָס אַן אידעאַל, וואָס יעדער פאַרפאַסער מעג זיך ווינטשן אַזאַ פּאָפּולאַריטעט צו דער־גרייכן?

מען זאָגט, אַז דאָס ליד „לאָרעליי”, וואָס אַלע קענען, ווייסן ניט אַלע, אַז דער מחבר פון דעם איז היינע.

דער נאָמען פון יענעם פראַנצויז, וואָס האָט באַשאַפן די „מאַרסע־

---

* (רוס׳) תחום המושב („טשערטאַ אָסיעדלאָסטי” — די אַנגעצייכנטע ליניע ביז וועלכער יידן האָבן געמעגט וווינען אין רוסלאַנד).

ליעזע", ווייסט אוודאי איינער פון טויזנט, אָדער פון צען טויזנט, אַז ער איז רוזשע דע ל'יל.

אָדער: אַ סך ציוניסטן ווייסן פון נפתלי הערץ אימבער, דעם וואָס האָט געמאַכט דעם „עוד לא אבדה תקותנו"?

בעת איך האָב געשריבן מיין הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע פון וואַרשאַווסקיס לידער, האָט זיך מיר פאַרוואָלט זאָגן נביאות, אַז ס'וועט ניט נעמען קיין סך צייט און וואַרשאַווסקיס לידער וועלן ווערן עכטע פאָלקס־מאָטיוון, געזונגען פון פאָלק בכל תפוצות ישראל.

איך האָב ניט געוווּסט, אַז מיין נביאות וועט גרייכן אַזוי ווייט, אַז די דאָזיקע לידער וועלן ווערן אַזוי פאָלקסטימלעך, אַז זיי וועלן טאַקע קענען אַלע, לאַנג־לאַנג, כל־זמן עס וועט געזונגען ווערן אַ יידיש ליד, נאָר דעם פּאַרפאַסער וועלן ניט אַלע קענען, און דער נאָמען וואַרשאַווסקי וועט פאַרגעסן ווערן, גלייך ווי ס'איז גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט קיין וואַרשאַווסקי ניט געווען...

נערווי, 1914



מאַרק וואַרשאַווסקי (1) און שלום עליכם (2) צווישן פאַרערערס, אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט זייערן, אין „בני ציון", באַרדיטשעוו, דעם 15טן יולי 1900

איציק מאַנגער

די פֿליגל פֿון דער גאָלדענער פּאַווע *

...וואַרשאַווסקי האָט ווידער געזונגען, געזונגען זיס און האַרציק, און דערביי זיך אַליין באַגלייט אויפֿן פּאַרטעפּיאַן. עס איז געקומען דאָס ליד פֿון דער „מיזינקע", פֿון „שמחת תורה", פֿון „תנחום דער טרובאַטש" אאַז"וו. לידער האַרציקע און פּשוטע, פֿריילעכע און טרויעריקע. לידער, ווי פֿון פֿאָלקסמויל אַראָפּגעזונגען. און צום סוף האָבן זיך דערהערט די טענער:

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿייערל
און אין שטוב איז הייס — — —

דעם רעפֿריין האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט. קודם שטיל, און דערנאָך העכער און העכער:

זאָגט־זשע, קינדערלעך, געדענקט־זשע, טייערע — — —

שלום עליכם איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן און געזען דאָס פֿייערל, וואָס פֿלאַקערט אויפֿן פּריפּעטשיק. אָט דאָס פֿייערל, וואָס טויזנט בייזע ווינטן, טויזנט אַנשיקענישן האָבן אין פֿאַרשיידענע צייטן געפּרוווט פֿאַרלעשן און נישט געקאָנט. ביים שיין פֿון דעם דאָזיקן פֿייערל וועלן די יידישע פֿאָלקסמאַסן, ליידנדיק, ווייטער גלייבן און זינגען, ביז... ביז...

וואַרשאַווסקי האָט ווייטער געזונגען. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט צו אים, צו יענעם ווינקל, וווּ דער פּאַרטעפּיאַן איז געשטאַנען.

אָבער בלויז שלום עליכם האָט געזען, ווי איבערן צימער האָבן אַ פֿלאַטער־געטאָן די פֿליגל פֿון דער גאָלדענער פּאַווע, און אַ בער וואַרשאַווסקיס קאָפּ האָט זיך בולט אָפּגעצייכנט די געשטאַלט פֿונעם שניי־ווייסן ציגעלע, דעם סמבלעם פֿונעם יידישן פֿאָלקסליד.

---

* פֿראַגמענט פֿון „מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי", אין „נאָענטע געשטאַלטן", וואַרשע, 1938.

יעקב פיכמאַן

די יידישע ליריק *

...דער ערשטער דור פון די יידישע פאָלקסטימלעכע פאָעטן, ש. בערנשטיין, מיכל גאָרדאָן, אליקום צונזער, י. ל. גאָרדאָן (אין זיינע יידישע לידער), אברהם גאָלדפאַדן, באַזונדער מ. מ. וואַרשאַווסקי, שטייען נאָך אַזוי באַענט צום יידישן פאָלקסליד, לויט דעם אַלגעמיינעם גייסט פון זייער פאָעזיע, אַפילו לויט זייערע פרימיטיווע פאָרמען, אַז זיי זיינען כמעט אַלע אָנגענומען געוואָרן ביים פאָלק און ווערן אומעטום געזונגען ווי פאָלקסלידער. בערנשטיינס מוזע האָט אַפילו ליב צומאָל פילאָסאָפישע מאָטיוון... ער באַזינגט די פאַלשע האָפענונגען פונעם לעבן, די חלומות, וואָס נאַרן אונדז אָפּ פון קינדהייט אָן ביז אין דער עלטער; נאָר דער גרעסטער טייל פון זיינע לידער זיינען צייט־מאָטיוון, — הומאָריסטישע און סאַטירישע קופּלעטן אויף חסידים אד״גל׳ — אַ ביסעלע אָפּלצן, חוזק־מאַכן פון די רייכערע קלאַסן, באַזונדערס פון רבנים און כלי־קודש, — דאָס האָט שטענדיק ליב די פאָלקסטימלעכע ליטעראַטור ביי אַלע פעלקער, און דאָס זיינען אויך די הויפּט־מאָטיוון פון אונדזערע ערשטע פאָלקס־דיכטער.

אומגעהויער העכער פון בערנשטיינען שטייט מיכל גאָרדאָן. זיינע מאָטיוון זיינען אַפילו כמעט די זעלבע, וואָס בערנשטיינס: סאַטירישע און נאַיוו־חקרנישע. ער איז אָבער פיל באַגאַבטער פון יענעם, און אייניקע פון זיינע לידער זיינען קלאַסיש נאָך זייער גלענצנדער פאָרם און שאַרפזיניקייט. אין זיינע לידער פילט זיך אמתע אינטעליגענץ און הויכער געשמאַק; זיי זיינען פראָסט און זייער סאַטירע איז בייסנדיק און גוטמוטיק צוזאַמען:

איר זייט דאָך, רב ייד, אין פאָלטאַווע געווען,
האָט איר דאָך דאָרטן מיין מאַן געזען;

---

* פראַגמענט פון אַריינפיר צו דער „זאַמלונג פון די בעסטע יידישע לידער״ — „די יודישע מוזע״, וואַרשע, 1911.

מען זאָגט, מען זאָגט — אַ חרפּה אָן אַ זייט —
מען זאָגט, אַז ער איז געוואָרן פאַרשייט.
מע זאָגט: ער גייט שוין גאַנץ קורץ געקליידט,
נאָך דער גוייִשער מאָדע גאָר אָפּגענייט,
ער גייט אָן אַ היטל גאַנצענע טעג,
און רעדט מען מיט אים, זאָגט ער: מען מעג.

אין זיין חקרנישן ליד „די לעבנס־צייט" געפינען מיר שוין אַזוינע הערלעכע סטראָפן:

עס טוט אַ מאָל פון ים אַ שפּריץ
אַ טראָפּן וואַסער פאַרן זונענשיין
און פאַלט געשווינד אַזוי ווי אַ בליץ
צוריק אַראָפּ אין ים אַריין.
אַזוי איז מיין קורצע לעבנסצייט.
אַזוי איז מיין גלענצנדיק לעבנס־גליק;
עס גייט נאָר פלוצלינג אַרויס פון אייביקייט
און פאַלט אין אייביקייט געשווינד צוריק.

אליקום צונזער איז רייכער אין מאָטיוון פון די פריערדיקע. ער באַזינגט כמעט אַלע דערשיינונגען אין יידישן לעבן פון זיין צייט. זייענדיק מער בדחן אַלס דיכטער, פילט ער דאָך די גרונט־מאָטיוון פון זיין צייט, און זינגט וועגן השכלה, שיבת־ציון, און מיט באַזונדערער ליבע — וועגן דעם גליקלעכן לעבן פון ערד־אַרבעטער, וואָס האָט זיך מיט אַזוינע זיסע פאַרבן פאַרגעשטעלט אין דעם נאַיוון דמיון פון אונדזערע ערשטע משכילים. ניט אומזיסט איז זיין „ליד פון דער סאָכע" געווען פיל יאָרן איינע פון די באַליבטסטע לידער ביים פאָלק.

אַ ביסל אַרויס פון די קינדערשע שיכלעך איז די יידישע פּאָעזיע אין אברהם גאָלדפאַדנס לידער. אמת, עס איז נאָך אויך ניט קיין צייטיקע פּאָעזיע, די לידער זיינען נאָך ניט אינגאַנצן ריין פון בדחנישע עפעקטן, וואָס האָבן זיך לאַנגע יאָרן ווי נאַסע שמאַטעס באַכגעשלעפּט דער יידישער מוזע. עס איז שוין אָבער אַ שוואַכער קלאַנג פון ליריק און זעלטן־ווו גיט שוין אַ גלאַנץ אָן איינזאַם בילד — די ערשטע סימנים, אַז דאָס איז שוין ניט נאָר קיין מוח־חקירה, אַז דאָס האַרץ הייבט שוין אָן פילן און די אויגן זעען שוין עפּעס אין דרויסן, ניט נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן אויסגעלייענט אין ספרים.

י. ל. גאָרדאָן, דער גרעסטער העברעישער דיכטער פון זיין צייט, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט אַזוינע ראָמאַנטישע פּאָעמען ווי „אהבת דוד ומיכל",

און האָט געענדיקט מיט אַזוינע געזעלשאַפטלעך־טענדענציעזע זאַכן, ווי „קוצו של יוד" און „אשקא דריספּק", איז אין זיינע מער־כאַראַקטעריסטישע יידישע לידער כמעט שטענדיק סאַטיריש אין פאָלקס־גייסט. ווי אַ מוסטער־ווערק פון זיינע לידער קאָן דינען דאָס סאַטירישע ליד „וואָס איז ביי דער אסיפה געבליבן" עס דערמאָנט אַ ביסל דעם טאָן פון מיכל גאָרדאָנס הומאָריסטישע לידער:

ר' קאָפּל דער פרוש, וואָס קוקט ניט אויף ווייבער
דער האָט זיך געפּאָרקעט מיט יידל דעם שרייבער:
„דו מופקר, אַפנים ווילסט אויך זאָגן דעות —
אַ ייד, וואָס עס גייט אָן באָרד און אָן פאותו"

...נענטער פון אַלע צום גייסט פון דער יידישער פאָלקס־פּאָעזיע איז אָן ספק מ. מ. וואַרשאַווסקי, דער שפּעטסטער פון די אַלע, וועלכע מיר האָבן ביז אַהער אַרומגערעדט. אין דער יידישער פּאָעזיע האָט אַ לאַנגע צייט געפילט זיך דער ביליקער אָפּקלאַנג פון בדחנות. אַפילו שטילע טרויעריקע מאָטיוון האָבן זיך געמוזט שליסן מיט עפּעס אַ וויץ אָדער גלאַט אַ חכמה, וואָס האָט זייער זעלטן האַרמאָנירט מיטן גאַנצן טאָן פון דער זאַך. אַ יידן איז בכלל זיך שווער צו באַגיין אָן אַ חכמה — אַפילו אין לידער... כמעט ביי די אַלע דערמאָנטע דיכטער פילן מיר, אַז דער עלעמענט פון לצנות איז ביי זיי דער עיקר, אַז שרייבן יידישע לידער הייסט ביי זיי אַ ביסל חכמענען זיך; זייער זעלטן געפינען מיר ביי אייניקע פון זיי אויך האַרציקע מאָטיוון, זיי זיינען אַלנפאַלס ניט טיפּיש פאַר דער פּאָעזיע פון יענעם דור.

איך וויל נישט זאָגן, אַז וואַרשאַווסקי איז דער באַגאַבטסטער פון די דערמאָנטע פּאָעטן, איך וויל נאָר באַטאָנען, אַז זיין פּאָעזיע איז פון אַנדער געוואַנד געשניטן. אין איר פילט זיך מער תמימות, מער ליבע, אַ ביסל צורגעפּראַוועט אַפילו מיט סענטימענטאַלע געווירצן, נאָר אמתע. זיינע מאָטיוון זיינען האַרציקע, און אין דער פאָרעם און אויסדרוק פון זיינע לידער איז ער אָפט מאָל אַזוי הילפלאָז, אַזוי רירנדיק הילפלאָז, אַז אים ווילט זיך אַנעמען, ווי אַ קליין קינד, ביים האַנט און אַרויספירן פון דעם פּאָעטישן פּלאָנטער, אים אונטערזאָגן אַ וואָרט, פילנדיק, וואָס ער דערזאָגט ניט... איך האָב ליב וואַרשאַווסקין, ווייל איך שפּיר, אַז די געפילן אין זיינע לידער זיינען שטאַרקער און שענער פון זייערע ווערטער און גראַמען — דאָס, וואָס איך פיל אין אַלע אמתע פאָלקסלידער.

ווייל די שענסטע און טיפסטע געפילן פון מענטשן זיינען דאָך שטענדיק ניט־דערזאָגטע...

ז. זשאַבאָטינסקי

אויפֿן פּריפּעטשיק*

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿייערל, און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך; אָדער עס מעגן זיין דערוואַקסענע קינדער — נישט וויכטיק, אַבי זיי זאָלן זיין יונג אין גייסט. בכלל איז נאָר איין זאַך דער עיקר — אַז עמעצער זאָל זיין דער רבי און יונגע זאָלן לערנען. דאָס איבעריקע איז נישט וויכטיק: די סביבה, וואָס איז באַשריבן אין וואַרשאַווסקיס וווּנדערבאַרן ליד, מעג זיך אין גאַנצן ענדערן. למשל: אַנשטאָט דעם ליכטל אויף אַ פּריפּעטשיק מעג זיין עלעקטרי אָדער דעם אייבערשטנס אייגענע זון; און אַנשטאָט דער הייסער חדר־שטוב מעג דאָס זיין אַ פֿאַרטראַג־זאַל, אָדער אַ פֿעלד, אָדער אַ קאָלעקטיוויטעט פֿון צעוואָרפֿענע צייטונג־לייענערס. אַפֿילו דער אינהאַלט פֿון אלף־בית איז נישט קיין עיקר. יעדער דור דאַרף אפשר אַ נייעם אלף־בית. דער עיקר איז די פּראָצעדור פֿון לערנען: און זי מוז אייביק בלייבן דווקא אַזוי, ווי ביי וואַרשאַווסקין.

אַ שאָד, וואָס מען שאַצט נישט אָפּ ביי אונדז, יידן, קיין כאָר־געזאַנג. ביי די באַלטישע נאַציעס, באַזונדערס ביי די עסטלענדער, האָט זיך די גאַנצע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אָנגעפֿאַנגען פֿון זינגען אין כאָר. אַ געוואַלדיק שטאַרק מיטל איז דאָס צו אַנטוויקלען אייניקייט און דיסציפּלין, און אויך געזעלשאַפֿטלעכע עסטעטיק... איינע פֿון די קאָנסעקווענצן, וואָס מען שאַצט נישט אָפּ ביי אונדז קיין כאָר־געזאַנג, באַשטייט אויך אין דעם, וואָס דאָס אומשטערבלעכע ליד פֿון וואַרשאַווסקי בלייבט ביי אונדז פֿאַרנאַכלעסיקט: אַ ליד וואָס איז אפשר טיפֿער און אינהאַלטרייכער ווי אַלע נאַציאָנאַלע הימנען אין דער וועלט.

וואָלט איך געווען אַ כאָר־מייסטער, וואָלט מען ביי מיר געזונגען „אויפֿן פּריפּעטשיק" ווי אַ גרויסע, פֿייערלעכע אָראַטאָריע. דאָס ליד הייבט

---

* פֿראַגמענט פֿון אַרטיקל, אין „זאַמעלבוך", אַר' נייע ציונ' אָרג' אין אַרג', ב"א, 1939.

זיך אָן פאַוואָליע, ווי אין אַ געדריקטער שטימונג. אין שטוב איז הייס. דער רבי איז אַליין אַ ביסעלע פאַרשלאָפן, די קינדער אויך... „לערנט, קינדער, מיט גרויס חשק", זאָגט ער, קעמפנדיק מיטן גענעץ, „אַזוי זאָג איך אייך אַן: ווער פון אייך וועט גיכער קענען עברי, דער באַקומט אַ..." — דאָ שטעלט ער זיך אָפּ אויף אַ מינוט, ווייל ער ווייסט נאָך אַליין נישט, וואָס זיי „באַקומען". געלט? איז נישטאָ. גליק? ס'איז דאָך נישט אמת. פאַלט ער אויף אַ גוטן, פּראַקטישן געדאַנק: „אַ פאָן". און עס ווירקט: די קינדערלעך האָבן אויפגעהויבן די קעפּ... אַ פאָן איז שוין עפּעס... אַ צאַצקע... מען קען זיך מיט איר שוין שפּילן אין גאַס... אַנדערע וועלן דיר אפשר מקנא זיין. „הערט־זשע, קינדערלעך", הייבט דער רבי אָן אַריינצודרינגען אין תּוך פון זיינע אייגענע ווערטער. וואָס הייסט אלף־בית? עס זיינען דאָך נישט בלויז אותיות; עס זיינען ווערטער, וואָס דערציילן אַ געשיכטע... „אַז איר וועט, קינדערלעך, עלטער ווערן, וועט איר אַליין פאַרשטיין, וויפל אין די אותיות ליגן טרערן און וויפל געוויין"... זיין קול ציטערט. אָט, אָט וועט ער זיך אַליין צעוויינען. „געדענקט־זשע, טייערע, וואָס איר לערנט דאָ"... דער „וואָס" קלינגט ווי אַ קרעכץ און דער „קמץ אלף — אָ" ווי אַ זיפץ. וואָלט איך געווען דער כאַר־מייסטער, וואָלט דאָס געווען אַ קרעכץ און אַ זיפץ באַלאָדן מיט פיר טויזנט יאָר פון אומעט.

אָבער... וואָס איז דאָס פאַר אַ ביישפּיל פאַר קינדער? און אַפילו נישט קיין אמת: אין דעם, וואָס עס דערציילן די אַלטע אותיות, איז גאָר נישט דער אומעט דער עיקר. מען לעבט נישט קיין פיר טויזנט יאָר מיט קיין אומעט. באַזונדערס נישט אַזעלכע צוויי טויזנט יאָר ווי די לעצטע. שטאַרק מוז מען זיין, כדי אויסצושטיין דאָס, וואָס מיר האָבן אויסגעהאַלטן. קודם־כל זיינען מיר אַ שטאַרק פאָלק, איבערמענטשלעך שטאַרק... דאָס איז דער עיקר, וואָס די קינדער מוזן תיכף־ומיד פאַרשטיין און שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן. „אַז איר וועט, קינדערלעך, דעם גלות שלעפּן אויסגעמוטשעט זיין, זאָלט איר פון די אותיות כּוח שעפּן, קוקט אין זיי אַריין — הערט־זשע, געדענקט־זשע, וואָס איר לערנט דאָ"... איצט איז דער „וואָס" אין זיך אַליין אַ הימען, אַ מאַרסעליעזע, אַ לאַנגער דונער, און דער „קמץ אלף — אָ" קלינגט ווי אַן אויפשטאַנד.

אליהו ליפינער

אויפֿן פריפעטשיק ברענט אַ פײַערל...*

ל״ו צדיקים און כ״ב אותיות —
מנעמאָטעכנישע** דערקלערונג פון א״ב

פֿאַראַן אַ לעגענדע וועגן ל״ו צדיקים, וואָס אין זייער זכות האָט די וועלט אַ קיום. זעקס און דרייסיק נסתרים וואַנדערן אום אויף דער ערד, אין טויזנט געשטאַלטן, און זײַנען מתקן די טעותים וואָס גאָט האָט געמאַכט, ווען ער האָט זײַן ברכה פֿאַרטיילט צווישן די מענטשן —

ברויט ברענגען זיי דעם הונגעריקן, וואַסער דעם דאָרשטיקן און רו דעם מידן;

טרייסט ברענגען זיי דעם אבל, פרייד דעם פֿאַרמרהשחורהטן און אַ קינד דער עקרה;

פייער צינדן זיי אָן אין אויוון פֿון אַן אָרעמען, ליבשאַפט אין הארץ פֿון אַ פיינט און חרטה אין מוח פון אַ זינדיקן.

פֿאַראַן אַ לעגענדע וועגן ל״ו צדיקים, וואָס מיט זייערע מעשים טובים שפּאַרן זיי אונטער די וועלט, טוען זקנים די אייניקלעך דערציילן און פֿאָטערס — זייערע קינדער.

אָבער טעג וועלן קומען, ווען אַ לעגענדע וועט דערציילט ווערן וועגן כ״ב אותיות, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט דאָס יידישע לעבן —

ברויט זײַנען זיי געווען אין די טעג פֿון הונגער, וואַסער אין די טעג פֿון דאָרשט און רו אין די טעג פֿון מי;

אַ טרייסט זײַנען זיי געווען דעם אָבל, אַ מקלט דעם פֿאַרשטויסענעם זון און אַ בריוועלע דער עלנטער מאַמען;

ל״ו צדיקים — כ״ב אותיות...

---

* דאָס לעצטע קאַפּיטל „סוף דבר״, פון בוך „אותיות דערציילן״, סאַן־פּאַולאָ, 1941 — ** דורך דער קונסט פון זכרון (פון גריכיש: מנעמע — זכרון טעכנע — קונסט), מיט דער הילף פון סימנים.

זעקס און דרייסיק זיילן שפּאַרן־אונטער די גרויסע וועלט און צוויי און צוואַנציק — דאָס זעיר־אַנפּינדיקע יידישע וועלטל...

האָט קיין דור אויף זיך נישט געוואָלט נעמען דעם חטא, אַז מען זאָל שפּעטער קאָנען זאָגן:

— דורך אים איז געפֿאַלן דאָס יידישע וועלטל!

דערפֿאַר האָט יעדער דור אויף זיין פּריפּעטשיק אַ פֿייערל אָנגעצונדן און זיינע קינדער דעם אלף־בית מיט גרויסער ליבע געלערנט.

פֿאַר אַ ביישפּיל זאָל דינען די תקופֿה פֿון תלמוד, ווען מען האָט מיט יידישע קינדער די הייליקע אותיות איינגעלערנט, אָט אַזוי:

אַלף, בית — אַלף בינה (דערוווערבן וויסן).

גימל, דלת — גמל דלים (טאָן גוטס אָרעמעלייט).

פֿאַרוואָס איז דאָס פֿיסעלע פֿון אות גימל געווענדט לגבי דעם אות דלת?
ווייל דער וואָס טוט גוטס (גומל), דאַרף לויפֿן נאָך די אָרעמעלייט (דלים).
און פֿאַרוואָס איז דאָס פֿיסעלע פֿון אות דלת געווענדט לגבי דעם אות גימל?
ווייל דער אָרעמער דאַרף זיך קיין סך ניט לאָזן זוכן פֿון דעם וואָס קומט אים העלפֿן, כּדי ער זאָל אים ניט מצער זיין.
און פֿאַרוואָס איז דאָס פּנים פֿון אות דלת אָפּגעווענדט פֿון אות גימל?
ווייל דער וואָס גיט צדקה, (גומל), דאַרף עס טאָן בסתר, כּדי ניט מבייש צו זיין דעם אָרעמאַן (דל).

הא, וו — זיינען אותיות פֿונעם הייליקן נאָמען.

זין, חית, טית, יוד, כף, למד, — אויב דו האַנדלסט אַזוי לגבי דעם אָרעמאַן, איז גאָט, ברוך הוא, דיך זן (ער נערט דיך) און חן (ער ווייזט דיר אַרויס ליבע) און איז דער מטיב, און גיט דיר אַ ירושה, און וועט דיך קריינען מיט אַ כּתר אין עולם־הבא.

מם פּתוחה (אַן אָפֿענע מם), מם סתומה (אַ פֿאַרמאַכטע מם)

— מאמר פתוח (אָן אָפענער זאַץ), מאמר סתום (אַ פֿאַרשלאָסענער זאַץ).
עס זיינען דאָ פֿאַרשטענדלעכע זאַכן, אין וועלכע דו מעגסט זיך פֿאַרטיפֿן, און עס זיינען דאָ זאַכן (למשל, מעשה־מרכבה) וועלכע זיינען ניט פֿאַרשטענדלעך, און דו טאָרסט זיך אין זיי ניט פֿאַרטיפֿן.

נון כפופה (אַ געבויגענע נון), נון פשוטה (אַ גלייכע נון) —
נאמן כפוף (אַ געבויגענער פֿרומער), נאמן פשוט (אַ גלייכער פֿרומער).

„דער פֿרומער מאַן, וואָס איז איינגעבויגן (באַשיידן), וועט שפּעטער ווערן אויסגעגלייכט. ער וועט באַקומען זיין שכר און וועט שטאָלץ זיין.

סמך, עין — סמוך עניים (שטיץ די אָרעמע) אָדער לויט אַן אַנדער סברה: סימנין עשה (מאַך דיר סימנים, מערקווערטער).

„מאַך דיר פֿאַרגעדענק־סימנים, כדי זאָלסט מיט זייער הילף קאָנען געדענקען דאָס, וואָס האָסט געלערנט.

פא כפופה (אַ געבויגענע פֿא), פא פשוטה (אַ גלייכע פֿא) —

פה פתוח (אָן אָפֿן מויל), פה סתום (אַ פֿאַרשלאָסן מויל).
אַ מאָל דאַרף מען עפֿענען דאָס מויל און ריידן, און אַ מאָל דאַרף מען עס האַלטן פֿאַרשלאָסן און שווייגן.

צדי כפופה (אַ געבויגענע צדי), צדי פשוטה (אַ גלייכע צדי) —
— צדיק כפוף (אַ געבויגענער ערלעכער), צדיק פשוט (אַ גלייכער ערלעכער).
דער צדיק, וואָס איז אַנגעבויגן (באַשיידן), וועט שפּעטער ווערן אויסגעגלייכט. ער וועט באַקומען זיין שכר און שטאָלץ זיין.

קוף — קדוש (הייליקער גאָט).

ריש — רשע (שלעכטער).
פֿאַרוואָס איז דאָס פּנים פֿון אות קוף ניט געווענדט צום פּנים פֿונעם אות ריש?
ווייל גאָט, ברוך הוא, זאָגט: איך קאָן דעם רשע ניט זען!
און פֿאַרוואָס איז דער תג (דאָס אייבערשטע קריינדעלע)

פון דעם אות קוף געווענדט לגבי דעם אות ריש?

ווייל גאָט, ברוך הוא, זאָגט: אויב דער רשע וועט חוזר בתשובה זיין, וועט ער, אַזוי ווי איך, געקריינט ווערן מיט אַ כתר.

און פֿאַרוואָס איז דאָס פיסעלע פונעם אות קוף אָפּגעטיילט ווי אַן אויפגעעפֿנט טירעלע?

ווייל גאָט, ברוך הוא, זאָגט: אויב דער רשע האָט חרטה אויף זיינע מעשים, זאָל ער אַריינקומען אין מיין מחיצה. דאָס קומט באַשטעטיקן די ווערטער פון ריש־לקישן: בא לטמא פותחין לו, בא לטהר מסייעין לו (דער מענטש האָט פאַר זיך פריי סיי דעם גוטן, סיי דעם שלעכטן וועג).

שין — שקר (דאָס ערשטע אות פון וואָרט שקר).

תיו — אמת (דאָס לעצטע אות פון וואָרט אמת).

פאַרוואָס איז דאָס וואָרט ש ק ר געבילדעט פון דריי אותיות, וואָס זיינען צוזאַמען אינעם אלף־בית־סדר, און ס'איז גרינג זיי צו געפינען, און דאָס וואָרט א מ ת — פון דריי אותיות, וואָס זיינען צעוואָרפֿן (א — ביים אָנהויב, מ — אין מיטן, און ת — ביים סוף), און ס'איז שווער זיי צו געפינען?

ווייל דער שקר איז שכיח אין יעדן אָרט, און דער אמת איז זעלטן.

און פאַרוואָס האָבן די אותיות ק און ר פונעם וואָרט שקר נאָר איין פיסעלע יעדער פון זיי, און די אותיות א און ה פונעם וואָרט אמת — צוויי פיסעלעך יעדער פון זיי?

ווייל דער שקר שטייט אויף איין פוס און האָט קיין קיום ניט, אָבער דער אמת שטייט אויף ביידע פיס און האָט אַ קיום.

●

אויפֿן פריפעטשיק פון דורות האָבן פייערלעך געברענט, און רביס האָבן מיט קינדער דעם אלף־בית געלערנט. אַמאָל זיינען צייטן אַזעלכע געווען; אָבער זיי דערווייטערן זיך אַלץ מער און מער פון אונדזערע פאַרבענקטע ברעגן, און מיר זעען זיי שוין באַלד אין גאַנצן ניט אָן...

היינט זיינען פֿאַרלאָשן די פריפעטשיקס, געשטאָרבן די רביס, פאַרפלויגן די קינדער, אָן שכר פאַרטריבן די אותיות...

און אין בלוי־פאַרטראַכטע נעכט — דערציילן מענטשן — האָט מען

מיסטעריעזע פליגל־סילועטן געזען אויף דער ערד. דאָס זיינען די אותיות וואָס מ'האָט פאַרטריבן, געפלויגן מאַנען זייער שכר — אין דעם ווונדערלעכן לאַנד פון לעגענדע...

און הלואי זאָל געשען, אַז זיי זאָלן אַהין אָנקומען אין דער רעכטער צייט, און די טויערן זאָלן פאַר זיי ברייט געעפנט ווערן.

און אָנגעגורט מיט גערעכט־קייט זאָל דער מלך דאָרט זיצן אויף זיין טראָן, און אויסרופן:

— זאָלן זיי אַריינקומען די אותיות, וואָס האָבן אונטערגעשפאַרט דאָס צעבראָכענע יידישע וועלטל, זאָלן זיי אַריינקומען און נעמען זייער שכר!

הלוואי זאָל עס אַזוי געשען...

הלוואי זאָל עס אַזוי געשען אין דער גרויסער שעה פון שכר!...

לאַזאַר סגל — אויפֿן פריפעטשיק ברענט אַ פֿייערל...

ב. שעפּנער

אַ פּײַערל אין האַרצן *

אין אַמעריקע איז קיין גייס נישט, אַז אַ מענטש זאָל באַגליקט ווערן פון איין לידל. עס האָט שוין אַפילו געטראָפן אַזאַ נס מיט אַ יידיש טעאַטער־לידל („ביי מיר ביסטו שיין״). פון דעסטוועגן בין איך געוואָרן שטאַרק איבערגעראַשט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אַ יידיש זינגער־פּאָרל איז אויפגעריכט געוואָרן פון איין יידיש לידל און דאָס דווקא פון גאָר אַן אַלטס.

געהערט האָב איך דאָס טאַקע פון זיי אַליין, פון די אויפגעריכטע. ווען איך האָב זיי געטראָפן און זיי געשטעלט די נישט גאָר אָריגינעלע פראַגע:

— וואָס הערט זיך? ווי גייט עס?

האָט געענטפערט דער מאַן מיט אַ שמייכל:

— געלויבט צו גאָט און געלויבט דעם פּריפּעטשיק!

בין איך געבליבן שטיין אַ פאַרחידושטער:

— מילא, — האָב איך געזאָגט — גאָט קען איך. אָבער ווער איז דאָס דער פּריפּעטשיק?

— איר קענט זיכער אויך דעם פּריפּעטשיק — האָט ער געענטפערט

— אפשר נאָך מער ווי איר קענט גאָט. וועלכער ייד קען עס נישט דעם פּריפּעטשיק?

— אַך, — האָב איך זיך געכאַפּט — איר מיינט וואַרשאַווסקיס לידל „אויפן פּריפּעטשיק״?

— זיכער — האָט ער געענטפערט — מיין איך דאָס לידל „אויפן פּריפּעטשיק״. ביי יידישע זינגערס איז נישטאָ קיין אַנדער פּריפּעטשיק.

...דאָס דאָזיקע קינסטלער־פּאָרל איז באַלד נאָך דער טראַגישער וועלט־

---

* „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל״, ווי אַזוי אַן אַלט יידיש לידל האָט געצונדן אַ פייערל אין האַרצן פון אַן אָפּגעפרעמדטן יידן — אַ מאָדנע גליק, וואָס האָט געטראָפן צוויי יידישע קינסטלער, די פּרעסע, ב״א, 25 מיי 1957.

מלחמה געקומען פון „דארט" מיט א גרויסן פאק טראגישע איבערלעבונגען און אויך מיט א גאנץ־נשקשהדיקן רעפערטואר פון יידישע און העברעישע לידער. מיט דער צייט האבן זיי בארייכערט זייער רעפערטואר מיט ענגלישע לידער און אזוי ארום באקומען א צוטריט אויך צו נישט־יידישע אונטער־נעמונגען דורך דער פארמיטלונג פון אן ענגלישער קאנצערט־אגענטור. אבער קיין זיכער שטיקל ברויט נאך אלץ נישט געקאנט ארויסשלאגן ביז... ביז עס איז צו הילף געקומען דער אלטער פריפעטשיק.

געשען איז דאס טאקע אין ביורא פון יענער ענגלישער קאנצערט־אגענטור, ווען דאס קינסטלער־פארל איז געקומען זיך דורכצורײדן וועגן א פראיעקטירטן קאנצערט. אינמיטן שמועס איז אריין אן עלטערער מאן מיט זייער א רעספעקטאבעלן אויסזען און זיך באגריסט מיטן עמפרעסאר.

...דער מאן האט זיך דערפרייט מיט די צוויי יידישע קינסטלער און זיי ווארעם געדריקט די הענט.

— אזוי, אזוי, פון יוראפ!... איר האט דארט אלץ מיטגעמאכט!...

אין זיין טאן איז געלעגן א ווארעם מיטגעפיל. פון דעסטוועגן זיינען זיי נאך נישט געווען זיכער, אז דער דאזיקער הויכער אמעריקאנער איז א ייד. אמעריקע האט, גאט צו דאנקען, גענוג נישט־יידן וואס פארמאגן א ווארעם מיטגעפיל פאר יידישן אומגליק. באלד אבער איז דער ייד פון אים ארויסגעקומען — ער איז ארויסגעקומען אין דער פארעם פון א מאדנער פראגע:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, איר קענט אפשר זינגען דאס יידישע ליד „אויפן פריפעטשיק"?

מאן און ווייב האבן זיך איבערגעקוקט פון פארוווּנדערונג: וואס עפעס פלוצלינג „אויפן פריפעטשיק"?...

אבער אז מען פרעגט, דארף מען ענטפערן.

— זיכער קענען מיר. — האט דער מאן זיך אפגערופן.

דער ענטפער איז געווען א ריכטיקער, אבער נישט אויף גאנצע הונ־דערט פראצענט. ווייל דער אמת איז, אז זיי איז קיין איין מאל נישט געהאט אויסגעקומען צו זינגען דאס דאזיקע אלטע יידישע לידל.

...דערהערט, אז זיי קענען זינגען „אויפן פריפעטשיק" איז מיטאמאל ערגעץ פארשוווּנדן דער בארימטער אמעריקאנער אדוואקאט און עס איז ארויסגעוואקסן אויף זיין ארט א צעווארעמטער פארבענקטער ייד. אפילו זיין ענגליש האט פלוצלינג גענומען קלינגען יידישלעך. אוי, „אויפן פריפע־טשיק"... ווי ער בענקט נאך דעם ליד... ווי די ווערטער קלינגען נאך אלץ אים אין די אויערן, כאטש עס איז שוין אוועק מער ווי א האלבער יאר־

הונדערט... ער איז נאָך געװען אַ קלײן ײנגל, װען מען האָט אים געבראַכט קײן אַמעריקע, — אָבער דאָס ליד „אויפן פּריפּעטשיק" געדענקט ער, די מעלאָדיע באַגלײט אים דאָס גאַנצע לעבן. װי גײט עס דאָרט? „אויפן פּרי־פּעטשיק" ברענט אַ פּײערל..." אַך, דאָס פּײערל...

ער האָט פּלוצלינג איבערגעריסן זײַנע דערינערונגען און גענומען רײדן געשעפטלעך, צום פּונקט: ער װיל פאַר זײ אײַנאָרדענען אַ קאָנצערט. „געלט שפּילט נישט קײן ראָלע"... ער לאָזט זײ אויך פרײַ העגט װאָס אַנבאַלאַנגט דעם רעפּערטואַר פון קאָנצערט. ער שטעלט זײ בלויז אײן באַדינג — זײ זאָלן זינגען „אויפן פּריפּעטשיק".

מען האָט אויסגעטרונקען „לחיים" לכבוד דעם אָפּמאַך און מען האָט זיך גענומען גרײטן צום קאָנצערט. גלײַך פון „לחיים" איז דער מוזיקער אַװעק אויף סעקאָנד עװעניו און אײַנגעקויפט דעם „פּריפּעטשיק" צוזאַמען מיט די נאָטן. דערנאָך האָבן מאַן און װײַב גענומען אײַנשטודירן.

דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין אײנעם פון די שענסטע לאָקאַלן אין ניו־יאָרק... אָבער דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט „אויפן פּריפּע־טשיק".

האָט ער גענומען זײ אײַנלאַדן צו זיך און זײ רעקאָמענדירן פאַר אונ־טערנעמונגען. דער באַדינג איז שטענדיק געװען דער זעלביקער — זײ דאַרפן אויך זינגען „אויפן פּריפּעטשיק". זײ האָבן באַקומען צוטריט צו קרײַזן װוּהין קײן ײנגער פון ײדישע לידער איז נאָך נישט צוגעקומען. אָפּ־געפרעמדטע ײדן זײַנען זיך מחיה מיט ײדישע לידער און זײ װײסן װי אָפּצודאַנקען פאַר דעם דאַזיקן ביסל זעלטענעם נחת. בײַ יעדער אונטער־נעמונג איז ער, פאַרשטײט זיך, דאָ. ער זיצט רויק און װאַרט ביז עס קומט „זײַן נומער" און דעמאָלט צינדט זיך אָן אין זײַנע אויגן דאָס הײמישע פּײערל.

ער האָט אויך בײַ זײ באַשטעלט אַ ספּעציעלן פּלאַט פון „פּריפּעטשיק", און אין די אָװנטן, װען ער האָט אַ פרײַע שעה, פאַרמאַכט ער זיך אין זײַן קאַבינעט, זאָגט־אָן, מען זאָל אים נישט שטערן, און — שטעלט־אָן זײַן באַליבט ליד.

— און מיר זײַנען נאָך מיט אים נישט פאַרטיק, — זאָגט דער מוזיקער — מיר לײַען נאָך אויף אים גרויסע האָפענונג. דאָס אײנע ײדישע לידל, װאָס אונדזערע באָבעס און מאַמעס פלעגן אַמאָל זינגען, האָט אונדז דאָ מער געהאָלפן אין אַמעריקע װי צען רײַכע פעטערס.

...װער װײס, װיפל נאָך אַזעלכע אַלטע ײדן עס דרײען זיך אַרום צװישן אונדז, טראַגנדיק אין האַרצן אַזעלכע טליענדיקע פּײערלעך, װאָס װאַרטן בלויז, עס זאָל עמעצער קומען און זײ פונאַנדערבלאָזן!

יעפים ישורין

מאַרק וואַרשאַווסקי ביבליאָגראַפיע

באַביט, יוסף

מ. מ. וואַרשאַווסקי, ראָמאַן־צייטונג נ' 3, וואַרשע, 1908.

באַטאַשאַנסקי, יעקב

אַ שיינער אַריינפיר צו אַ פּרוכט־באַרן קולטור־זמן, די פּרעסע, 27 מאַרץ 1955.

באַסין, מ.

מ. מ. וואַרשאַווסקי, 500 יאָר יידישע פּאָעזיע, נ״י, 1917, באַנד 1, זז' 208—214.

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.

אין די ד' אמות פון יידישן לעבן, דער וועקער, נ״י, 5 אויג' 1922, זז' 19—20.

פון דעם גרויסן שמערץ ביז דער גרויסער פרייד, עסייען, נ״י, 1932, ז' 165.

מאַנגערס ניגון, פרייע אַרבעטער־שטימע, נ״י, 22 יוני 1951.

מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעל־שטאַט־געדענק־בוך, נ״י, לאָס אַנ־דזשעלעס, סאַן פראַנציסקאָ, 1952, ז' 495.

חלום און וואָר, עסייען, נ״י, 1956 זז' 40, 351, 454.

אַז די יום־טובים־טעג גייען שוין אַוועק..., פאָרווערטס, נ״י, 3 אַפּריל 1956.

אַז איר וועט, קינדער, עלטער ווערן... (געדאַנקען און שטימונגען וועגן יידיש אין דער יידישער שול), קולטור און דערציונג, נ״י, פעברואַר 1957.

ביילין, אשר

(מ. מ. וואַרשאַווסקי) שלום עליכם, תל־אביב, 1945.

נאָענטע און ווייטע דאַרפן ווערן אייגן און נאָענט, זאַמלונגען, נ' 14, נ״י, ווינטער 1958, זז' 75־76.

בעל מחשבות

דער יוד, נ' 16 קראָקע, 18 אַפּריל 1941.

בערנשטיין, מרדכי

אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל, (וועגן א. גאָלאָמבס „אַ האַלבער יאָרהונדערט יידישע דערציונג"), די איד' צייטונג, ב״א. 3 מאַרץ 1958.

בערקאָוויטש, י. ד.

מיט דער משפחה פון שריפטשטעלער, דאָס שלום עליכם־בוך, נ״י, 1926, זז' 186—187.

ברייטמאַן, מ.

וועגן שלום עליכם און מאַרק וואַרשאַווסקי זיינען צוזאַמען געקומען קיין קיעוו, ניי לעבן, נ״י, יוני 1939.

גאָלאָמב, מ.

לא זו הדרך, די גאָלדענע קייט, ת"א, 1951, העפט 7, ז' 194.

פון אונדזער אוצר, אויפן שוועל, נ"י, סעפט'־אָקט' 1951.

גאָלדבערג, ב. צ.

וועגן ליטעראַרישע ענינים, דער טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, נ"י, 8 דעצ' 1957.

גינזבורג, שאול

אָכראַניק כאַטשקאָווסקי — אַ רעדאַקטאָר פון אַ רוסיש־יידישער צייטונג, היסטאָרישע ווערק, 2טער באַנד, נ"י, 1937, ז' 266.

די וואָכנשריפט „ראַזסוועט" און „רוסקי יעווריי", אַמאָליקע פּעטערבורג, ציקאָ ביכער־פאַרלאַג, נ"י, 1944, זז' 158, 160, 163, 167.

געלבאַרט, מיכל

מ. מ. וואַרשאַווסקי, אַ נייע הגדה של פסח, אַר' בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, נ"י, 1956, זז' 25—26.

מ. מ. וואַרשאַווסקי, זינגט מיט מיר, אַר' „אַרבעטער־רינג", נ"י, 1945, זז' 95, 101.

מ. מ. וואַרשאַווסקי, מיר זינגען, אַר' „אַרבעטער־רינג", נ"י, 1951, זז' 72—79, 148—149.

גראַנאַווסקי, ראובן

יצחק יואל לינעצקי און זיין דור, נ"י, 1941, ז' 81.

הער, מאיר

פּאַריס ראָזענפעלד, ביכער־וועלט, וואַרשע, יאַנ'־אַפּריל, 1923, ז' 7.

וואַנווילד, מ.

ווי אַלט איז די יידישע ליטעראַטור?, צי איז שוין פאַראַן אַ יידישע ליטעראַטור?, וואַרשע, 1929, ז' 10.

וועלסקי, נ. ע.

מיט דער אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט", יידישע קולטור, נ"י, דעצ' 1955, זז' 29—30.

זילבערצווייג, זלמן

ערשטע ליטעראַרישע טריט, אַבּרהם גאָלדפאַדען, נ"י, 1940, ז' 4.

זשאַבאָטינסקי, וו.

היינט, וואַרשע (?), זאַמעלבוך, נייע ציוניסטישע אָרג' אין אָרג', ב"א, 1939, זז' 72—74; חג השבועות, רעד' מ. גרינבוים, ד"ר צ. ווייַנשטיין, קרן קימת, ב"א, ה'תש"ג, זז' 15—17.

טשעריקאָווער, א.

רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ אין די 70ער און 80ער יאָרן, געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, 2טער באַנד, נ"י, 1945, ז' 160.

יעפּרויקין, ז. און בעז, ח.

מ. מ. וואַרשאַווסקי, דאָס לעבע־

דיקע ווערט, לייענבוך פאר דעם דריטן לערניאר, אר׳ בילדונגס־קאמיטעט פון ארבעטער־רינג, נ״י, 1954, ז׳ 242.

כהן, י. ל.

וועגן זאמלען פאלקסלידער, שטודיעס פון יידישער פאלקסשאפונג, צונ׳ מאקס ווײַנרײַך, ייוואָ, נ״י 1952, ז׳ 139.

די טעאָריע פון „רעפראָדוקציע״ ביי סאוועטישע יידישע פאלקלאָריסטן, ד״ר, ז׳ 231.

פאלקסליד און פאלקסטימלעך ליד, שטודיעס וועגן יידישער פאלקסשאפונג, צונ׳ מאקס ווײַנרײַך, ייוואָ, נ״י, 1952, זז׳ 195—197, 200.

ליטוויק, א.

דער דיכטער פון דעם יידישן וויי. די צוקונפט, נ״י, נאָוו׳ 1917, זז׳ 647—650.

דאס יידישע פאלקסלעבן אין ווארשאווסקיס לידער, די צוקונפט, נ״י, דעצ׳ 1917, זז׳ 706—711.

מאלאמוט, יוד לאמעד

יידישע פאלקסלידער, קאליפארניער יום־טוב בלעטער, לאס אנדזש׳, מארץ 1956, ז׳ 12.

מאנגער, איציק

מארק מארקאוויטש ווארשאווסקי, נאענטע געשטאלטן, אר׳ ה. בזשאזא, ווארשע, 1938, זז׳ 161—169.

מארק, יודל

יחיד און קאלעקטיוו אין יידישן פאלקלאר, אידישער קעמפער, נ״י, מיי 1951.

די י. ל. כהן־ירושה, די צוקונפט, נ״י, דעצ׳ 1953.

מייזיל, נחמן

אברהם גאלדפאדען, נ״י, 1938, זז׳ 10—11.

פרץ און שלום עליכם, י. ל. פרץ — זיין לעבן און שאפן, נ״י, 1945, ז׳ 260.

מ. מ. ווארשאווסקי, און זיין „אנטדעקער״ שלום עליכם, יידישע קולטור, נ״י, אפריל 1946. ד״ז אין איקוף, ב״א, נ׳ 43, מיי 1946.

פאלקס־שאפן און ליטעראטור, יידישע קולטור, נ״י, יולי 1946.

י. ל. פרץ און שלום עליכם, יצחק לייבוש פרץ און זיין דור שרייבער, נ״י, 1951, ז׳ 281.

שלום עליכם און מ. מ. ווארשאווסקי, יידישע קולטור, נ״י, מיי 1951.

פאלקס־דיכטער און פאלקס־זינגער, יידישע טעמאטיק און יידישע מעלאדיעס ביי באוווסטע מודזיקער, נ״י, 1952, זז׳ 74—75.

די מאביליזאציע פאר ווייטערדיקע פארמעסטן, יידישע קולטור, נ״י, יאנ׳ 1954.

אנטאלאגיעס פון יידישער פאעזיע, יידישע קולטור, נ״י, אקט׳ 1954, זז׳ 31—33, און דעצ׳ 1954, ז׳ 16.

מארק ווארשאווסקי, אמעריקע

אין יידישן וואָרט, אַנטאָלאָגיע, נ"י, 1955, זז' 41 43.

צו די לייענער, נאָענטע און אייגענע, נ"י 1957, ז' 8. — מ. מ. וואַרשאַווסקי, זז' 35—52.

דער איקוף אויפן מוזיק־געביט, יידישע קולטור, נ"י, 1958, ז' 35.

ביגער, ש.

מ. מ. וואַרשאַווסקי, יודישע וועלט, 1, 1915.

עלעמענטן פון פאָלקס־פּאָעזיע אין מ. וואַרשאַווסקיס לידער. — וואַרשאַווסקי און די אַזוי גערופענע „פאָלקס־דיכטער" (מיכל גאָרדאָן, צונזער), אידישע ליטעראַטור, כרעסטאָמאַטיע פאַר ליטעראַטור און קריטיק, קיעוו, 1928, זז' 314—315.

פּראָבלעמען און אויפגאַבן פון אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, די צוקונפט, נ"י, דעצ' 1954, ז' 433.

יצחק לייבוש פרץ, אַר' קולטור־קאָנגרעס, ב"א, 1952, ז' 138.

דב סדן

אבני שפה, עם עובד, תל־אביב, תשט"ז, זז' 220, 246, 247.

ענטין, יואל

יעקב גאָרדין, דער טאָג, נ"י, 19 יוני 1949.

פיכמאַן, יעקב

די יודישע לירִיק, די יודישע מוזע — זאַמלונג פון די בעסטע יידישע לידער, אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַ פאָררעדע פון יעקב פיכמאַן, אַרויסג' „וועלט־ביבליאָטעק", וואַרשע תרע"א—1911, זז' 11, 14, 86—89.

פריד, פ.

דער כוח פון אידישן פאָלקסליד, שלום עליכמס באַגייסטערונג פאַר מ. מ. וואַרשאַווסקי, מאָרגן־פרייהייט, נ"י, 30 יאַנ' 1958.

ציטרון, ש. ל.

מארק ורשבסקי, לקסיקון ציוני, ורשה, הוצאת ש. שרברק, תרפ"ד, 1924, שפאַלטן 223—224.

צייטלין, אהרן

50 יאָר וואַרשאַווסקיס פאָלקס־לידער, דער טאָג, נ"י, 24 אויג' 1951.

אונדזער נאָענטער עבר, דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ"י, 20 אַפּריל 1955.

קאַצאָוויטש, ישראל איסר

שלום עליכם פּאַרקויפט קוילן און קאַלך. — שלום עליכמס לאַטקעס אין וואַרשאַווסקיס לידער, זעכציק יאָר לעבען, נ"י, 1924, זז' 292—297.

קיסין י.

אליקום צונזער און זיינע לידער, ווילנע, זאַמלבוך געווידמעט דער שטאָט ווילנע, רעדאַקטירט פון יעפים ישורין, נ"י, 1935, ז' 480.

ראָזשאַנסקי, שמואל

מ. וואַרשאַווסקי, דער פאָלקס־זינ־

גער פון יידישן לעבן (20 יאר נאך זיין טויט), „די אידישע צייטונג", ב"א, 14 אויג' 1927.

דאס פארגעסענע געזאנג צו דער ערד, די איד' צייט', ב"א, 13 יוני 1947.

צו די 50. מארק ווארשאווסקי: 1907—1957, די איד' צייט', ב"א, 22 דעצ' 1957.

ריווקין, ב.

פ. בימקא אלס דערציילער איז אויך א דראמאטורג, המשך, העפט 3, נ"י, 1942, ז' 20.

רייזען, אברהם

די שעפער פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור, די צוקונפט, נ"י, סעפט' 1920, ז' 507.

רייזען, זלמן

מארק ווארשאווסקי, לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור, פרעסע און פילאלאגיע, ערשטער באנד, ווילנע, 1928, שפאלטן 918—921.

שלום עליכם

אן אפענער בריו צו יואל ענגעל, דער יוד, נ' 24, קראקע, 13 יוני 1901, יידישע קולטור, נ"י, נ' 5, 1951.

די געשיכטע פון ווארשאווסקיס לידער, צו דער 2טער אויפלאגע אין צווייי בענדער, ארויסגעגעבן פון „מוריה", אדעס, 1914, דאס יודישע פאלק, ווארשע, נ' 1, 25 מערץ 1914, זז' 13—16:

א פאר ווערטער צו ווארשאווסקיס לידער, די געשיכטע פון ווארשאווסקיס לידער, מ. מ. ווארשאווסקי — יודישע פאלקס־לידער, נ"י, 1918, זז' V—VIII און IX—XIV.

מ. מ. ווארשאווסקי און זיינע לידער, אלע ווערק פון שלום עליכם, נ"י, 1919, זז' 51—68.

זיכרוינעס וועגן מ. ווארשאווסקי, אידישע ליטעראטור, קיעוו, 1928, זז' 310—314.

שעפנער, ב.

אויפן פריפעטשיק ברענט א פייערל, פארווערטס, נ"י, אפריל 1957. — יידישע פרעסע, ריא, 3 מיי 1957. — די פרעסע, ב"א, 25 מיי 1957.

שרפשטיין, צבי

„החדר בחיי עמנו", ת"א, תשי"ז זז' 222—223.

אידישע ליטעראטור, כרעסטאמאטיע פאר ליטעראטור און קריטיק, קיעוו, 1928, ביאגראפיע, ז' 310.

●

דאס יידישע ווארט

א ליטערארישע כרעסטאמאטיע. צוז' אלגין, באנד 1, ווילנע, 1921, זז' 8—9.

100 לידער מיט מוזיק פאר שול און היים

אר' צווישא־שלום עליכם־שול, ב"א, אקט' 1947, ז' 8.

דאס שלום עליכם־בוך

נ"י, 1926, זז' 186—187, 247, 252, 287, 364, 368.

AUSUBEL, NATHAN:
The Story of Yiddish. Mark Warshavsky, **Morning Freiheit,** New York, August 28, 1947.

BINDER, A. W.:
Jewish Music, The Yiddish Folk Song, The Jewish People, Past and Present, Volume III, **Jewish Encyclopedic Handbooks,** Central Yiddish Culture Organization (CYCO), N.Y., 1952. P. 358.

BIRSTEIN, Y.:
Bards of The Yiddish Language, Mark Warszawski, **Jewish Youth,** Melbourne, Jan.-Febr. 1947, P. 20.

GREEN, BER:
America in the Yiddish Mirror, **Jewish Life,** N.Y.. January 1956, P. 39.

HAAS, JACOB DE:
Mark Warschawsky, **The Encyclopedia of Jewish Knowledge,** Behrman's Jewish Book House, N.Y., 1946, P. 626.

MEISEL, NACHMAN:
Sholom Aleichem and His "Find", **Sholem Aleichem Panorama,** London, Canada, 1948, P. 46-49.

MARK, JUDEL:
Yiddish Literature, **The Jews: Their History, Culture and Religion,** N.Y., 1949, P. 884.

MLOTEK, ELEANOR GORDON:
America in East European Yiddish Folksong. **The Field of Yiddish,** N.Y., 1954, P. 180, 191.

RABINOVITCH, ISRAEL:
Ernest Bloch, **Of Jewish Music,** The Book Center, Montreal, 1952, P. 197.

RESNICK, SALOMON:
La Poesía, **Esquema de la Literatura Judía,** Buenos Aires, 1933, P. 63.

ROBACK, A. A.:
The Literature, **Curiosities of Yiddish Literature,** Sci-Art Publishers, Cambridge, Mass. MCMXXXIII, P. 70.

Syllabus of Yiddish Literature, **The Folk-Movement,** Sci-Art Publishers, Cambridge, Mass. MCMXXIII, P. 177.

Syllabus of Yiddish Literature, Outlook of Yiddish Literature, **Curiosities of Yiddish Literature,** P. 197.

The Collaterals, Varshafsky, **The Story of Yiddish Literature,** Yiddish Scientific Institute, N.Y., 1940, P. 159-160.

SENDREY, ALFRED:
Bibliography of Jewish Music, Columbia University Press, N.Y., 1951, Nº 2609, 2694, 2992, 4520, 7233, 8136, 8578, 8958, 9195, 9211, 9228, 9292, 9312, 9327, 9381-82, 9392, 9402, 9754.

WAXMAN, MEYER:
Folk Bards (Bards of the Haskalah Period), **History of Jewish Literature,** Vol. IV, Bloch Publishing Co., N. Y., 1941, P. 550, 552.

ENCYCLOPEDIE DE LA PLEIADE:
Histoire des Litteratures, Tome II, Litteratures Occidentales, Les Contemporains de Peretz, Librarie Gallimaro [France], 1956, P. 1176.

ЭНГЕЛЬ, Ю.:
По поводу "Еврейскихъ Народныхъ Песенъ" — М. М. Варшавскаго, **Восходъ**, № 18, С. Петербургъ, 1901, Стр. 19-22. **Восходъ** № 23, 1901, Стр. 13-25.

Ответъ г-ну Варшавскому, **Восходъ** № 25, 12 апреля 1901, Стр. 22-26.

ПРИЛУЦКИЙ, Н.:
Маркъ Марковичъ Варшавскій, Еврейская Энциклопедія, Томъ девятый, Изданіе Общества для научныхъ Еврейскихъ Изданій и Издательство Брокгаузъ-Ефрона, С. Петербургъ, Стр. 339.

БОЛЬШАЯ СОВЕТСКАЯ ЭНЦИКЛОПЕДІЯ:
Томъ девятый, Москва, 1928, Столбъ 36, Маркъ Варшавскій.

פראָיעקטן פון סצעניזאַציעס

פֿאַר מאַרק וואַרשאַווסקיס לידער

ולמן הירשפֿעלד

„קמץ אלף - אָ!"

אין דער סצעניזאַציע
גייען-אַרײַן די לידער

אלף־בית
פסח
דעם מילנערס טרערן
אַ בריוו פֿון אַמעריקע
אַ יידיש ליד פֿון רומעניע
דאָס ליד פֿון דעם בדוים
דער ייד אין וועג
דער חלום
שטיי־אויף!
די טעכטער ציונס זינגען
ציון
אויף קידוש־השם
לשנה הבאה בירושלים.

אין אַ זייט פון דער בינע, אין אַ ווינקל — אַ לאַנגער טיש מיט בענק פון ביידע זייטן. אויף די בענק — חדר־יינגלעך. אויבנאָן — דער רבי. אויפן טיש ספרים — אָפן. די תלמידים ברר מען און ווערטער דעם ניגון פון „דער אלף־בית". אויף דער צווייטער זייט בינע, פאָרנט, באַווייזט זיך דער דיכטער.

דיכטער — (זינגט די ערשטע סטראָפע)
אויפן פריפעטשיק ברענט...
(ביז) ...וואָס איר לערנט דאָ...

רבי — „זאָגט־זשע נאָך אַ מאָל און טאַקע נאָך אַ מאָל!

קינדער — קמץ אלף — אָ!

(דער דיכטער פאַרשווינדט)

רבי — לערנט קינדער מיט גרויס חשק,
אַזוי זאָג איך... (ביז) ...וואָס איר לערנט דאָ...

רבי און קינדער — זאָגט־זשע נאָך אַ מאָל — — — אָ!

אַ גרעסער בחורל (אַ באַהעלפער) — לערנט, קינדער, האָט ניט מורא — — — (ביז) נאָך מער...

אַלע — זעט־זשע, קינדערלעך — — — (ביז) אָ!

רבי — איר וועט, קינדער, עלטער ווערן — — — (ביז) וויפל געוויין... (דער רבי צעווײנט זיך שטיל, אַלע קוקן אויף אים פאַרחידושט)

אַ קינד — רבי, פאַרוואָס וויינט איר?

רבי — פאַרוואָס איך וויין? איי, קינדערלעך טייערע, זאָל אײַך גאָט באַשירעמען... אָט גייט אָן ערב פסח ביי ייִדן... ס'קומט אָן דער ליבער פסח — זמן חרותינו, ייִדן דאַרפן זיך משמח זיין, נישט וויינען, חלילה... נאָר אַז איר וועט עלטער ווערן, וועט איר ערשט פאַרשטיין, וויפל אין דעם יום־טוב פסח ליגן טרערן און וויפל געוויין... (ווײנט)

אַ צווייט קינד — מיר זיינען שוין נישט קיין פיצלעך קינדער, רבי, מיר פאַרשטייען שוין אַלץ.

אַ דריט קינד — דערציילט אונדז, רביניו, מיר פאַרשטייען שוין אַלץ.

רבי (זינגט דאָס ליד „פּסח׳״) — איך וועל אײַך דערציילן דאָ, קינדער, אַ מעשה — — — (ביז פֿאַרלאָפֿן...

אלע — (אָנשטאָט „דיידעניו״ — רביניו) — אוי, ווי, רביניו, אוי, ווי, רביניו, מיר הערן דיך...

רבי — (זינגט אַלע סטראָפֿן)

אַלע — (זינגען די רעפֿריינען) אוי, ווי, רביניו.

דיכטער — (באַוויזט זיך, זינגט) אַז איר וועט, קינדער דעם גלות שלעפּן... אאָז״ו.

אַלע — וועט־ושע, קינדערלעך...

דיכטער — אויפֿן פּריפּעטשיק... אַלף־בית (דיכטער פֿאַר־שווינדט)

באַהעלפֿער — זעט נאָר, רבי, ווער עס דרייט זיך דאָ אַרום אין געסל: אַבֿרהמל דער מילנער.

רבי — אײַ, אײַ, אײַ, געוואָרן, נעבעך, אַ תּל פֿון ר׳ אַבֿרהמלען; איצט, אויף דער עלטער, טרײַבט מען אים גאָר אַרויס פֿון דאָרף.

אַ קינד — פֿאַרוואָס, רבי, טרײַבט מען אים?

רבי — פֿאַרוואָס? דער ביטערער גלות, קינדערלעך. אַ רחמנות, נעבעך, אויף ר׳ אַבֿרהמל מילנער. רופֿט אים אַרײַן! (באַהעלפֿער גייט צו דער טיר, רופֿט)

באַהעלפֿער — ר׳ אַבֿרהמל! זײַט אַזוי גוט, קומט אַרײַן אַ ווײַלע! ער וויל נישט גיין, רבי...

רבי — (גייט צו צו דער טיר, רופֿט אים) קומט אַרײַן ר׳ אַבֿרהמל, קומט אַרײַן! (מילנער גייט אַרײַן)

מילנער — אַ גאָט העלף!

אַלע — אַ גאָט העלף!

רבי — איר קענט דאָך ר׳ אַבֿרהמל מילנער? אַ יאָ?

אַלע — יאָ, אַוודאי קענען מיר ר׳ אַבֿרהמל מילנער.

מילנער — אײַ, קינדערלעך, כ׳האָב דאָך נאָך אײַערע טאַטעס געקענט, ווען זיי זײַנען חדר־ייִנגלעך געווען. (זינגט) „אוי, וויפֿל יאָרן — — — (אַלע סטראָפֿן, ביז) מיט זיי גייט אויס דער ייִד״.

רבי — ניין, ר׳ אַבֿרהם, אַ ייִד טאָר נישט אַרײַנפֿאַלן אין יאוש. דער ייִד גייט קיין מאָל נישט אויס... מען יאָגט אונדז, מען פּלאָגט אונדז, אָבער דער ייִד בלײַבט ייִד.

אַ קינד — אוי, חבֿרה, זעט נאָר ווער עס גייט! (אַלע לויפֿן צו טיר און פֿענצטער)

אַלע — טראַם, טראַם, טראַם — טראַם, טראַם, טראַם — תּנחום דער טרובאַטש מיט די מעדאַלן.

רבי — אַט זעט איר, ר׳ אַבֿרהמל, אַ ייִד תּנחום טרובאַטש! אויסגעשטאַנען אַלע שבֿעה מדורי גיהנום... מלחמות מיט פּורעניות... און דאָך איז ער תּמיד מלא בטחון, תּמיד לעבעדיק און פֿריילעך. אַזוי דאַרף זײַן אַ ייִד!

די קינדער — (שרײַען) תּנחום טרובאַטש, טראַם טאַם, טאַם! (זיי לויפֿן־אַרויס, ברענגען אים אַרײַן, אַלע אַרום אים, ער קומט אַרײַן זינגענדיק)

תּנחום — (זינגט) כ׳וויל אײַך דערציילן אַקוראַט — — —

אַלע — (העלפֿן מיט דעם רעפֿריין, מאַרשירנדיק ווי סאָלדאַטן אַרום אַ גענעראַל)

זיי מאַרשירן־אַרויס, נאָך זיי דער מילנער און דער רבי.

דער רבי — (רופֿט זיי נאָך) „איי, ווייסע חבֿרהניקעס — שטיפֿט אַ ביסל, קינדערלעך, און פֿאַרגעסט נישט צוריקצוקומען אין חדר... עוד היום גדול, מ׳דאַרף נאָך לערנען!

עס הערט זיך פֿון דרויסן אַ רעש פֿון די קינדער און דער קול פֿון רביצין

כיענע — קיינער נישטאָ! שׂרה־ברײַנעו! שׂרה־ברײַנעשי, קרוין!

רביצין — (קומט אַרײַן) אָ, סקאַנדאַל קומט, כיענע! שוין אַ שאָק מיט יאָרן אײַך ניט געזען.

כיענע — שׂרה־ברײַנעשי, סערצע! אַ בריוו... אַ בריוו פֿון אַמעריקע, פֿון מײַן בנימינען. כ׳האָב מיר שוין די אויגן אויסגעקוקט אויף דעם בריוו; טוט מיר אַ טובֿה, שׂרה־ברײַנע, קרוין, און לייענט

מיר איבער דאָס בריוול... די אויגן, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, דינען מיר שוין נישט אויף דער עלטער.

רביצין — אָך, אָך, פֿאַרוואָס נישט? אדרבה ואדרבה; ווי זײַנען מײַנע שפּאַקולן? זיצט, כיענע לעבן, וואָס שטייט איר?

(די בײדע ווײַבער זעצן זיך. די רביצין נעמט דעם בריוו, טוט אָן די ברילן, זינגט)

טײַערע מאַמע, טײַערע מוטער, — דו מײַן טײַער, פּשר האָרץ...

(„אַ בריוו פֿון אַמעריקע")

(ס'קומט אַרײַן דער רבי מיט די תּלמידים)

רבי — שקצים, עכברושים, אין חדר אַרײַן! געגוג געשטיפּט!

רביצין — (שטייט אויף) זיי קומען שוין, די חבֿרה.

כיענע — גאָט זאָל אײַך דערפֿאַר באַצאָלן, שרה־ברײַנעשי!

רביצין — איר'ט נאָך דערלעבן נחת אין אײַער זון, גאָט איז אַ פֿאָטער (זי באַגלייט זי אַרויס).

(ס'קומט אַרײַן דער רבי מיט די תּלמידים)

רבי — צום טיש, חבֿרה! לכל זמן ועת, לכל חפץ תּחת השמים — אויף אַלץ איז פֿאַראַן אַ צײַט, האָט שלמה המלך געזאָגט; עת לבכּות ועת לשׂחוק — אַ צײַט צו וויינען און אַ צײַט צו לאַכן (די קינדער זעצן זיך אַרום טיש)

רבי — אַז איר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפּן, אויסגעמוטשעט זײַן, זאָלט איר פֿון די אותיות כּוח שעפּן, קוקט אין זיי אַרײַן...

אַלע — זעט־זשע, קינדערלעך — — — (ביז: קמץ אלף — אָ).

רבי — אָט, זעט איר, קינדערלעך, אונדזער מאַנישל? (ער ווײַזט אויפֿן באַהעלפֿער) אַן אָרעם בחור, אַ קײַלעכדיקער יתום, געקומען אַזש פֿון רומעניע... ער ווייס שוין דעם טעם פֿון גלות, פֿון פּאַגראָמען! אָבער דאָך איז ער תּמיד פֿריילעך. ער לאַכט זיך אויס פֿון די צרות און פֿון די שׂונאי־ישׂראל. אַ יאָ, מאַנישל, עס איז אַזוי?

מאַניש — אַוודאי, רבי־לעבן. גאָט איז אַ פֿאָטער, און איך הער זיי ווי דעם טאַטער...

מאַניש — (זינגט „אַ ייִדיש ליד פֿון רומעניע") אַז מען צאַפּט

פֿון מיר דאָס בלוט אַרויס — — — — (ער זינגט נאָר 4 סטראָפֿן, ביז „גאָט אין אונדזער תּורה“; אַלע חזרן־איבער מיט אים צוזאַמען דעם רעפֿריין).

רבי — אָט אַזוי, קינדערלעך, לערנט ווײַטער, זאָגט שלמה המלך:

עובֿד — דער וואָס אַרבעט, אַדמתו — זײַן ערד, ישׂבּע — וועט זײַן זאַט, לחם — פֿון ברויט... (אַלע קינדער חזרן־איבער וואָרט בײַ וואָרט מיט אַ ניגון) און דוד המלך זאָגט: יגיע — די מי, כּפּיך — פֿון דײַנע הענט, כּי תאכל — אַז דו וועסט עסן, אַשריך — וויל איז צו דיר, וטובֿ לך — און גוט איז דיר... (די קינדער חזרן־איבער וואָרט בײַ וואָרט).

> ס׳ווערט טונקל. — עס הערט זיך דער ניגון אָן ווערטער פֿון „גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער“. — אין צווייטן ווינקל אַוואַנסצענע, אַנטקעגן דעם האַלב־טונקעלן חדר, באַווײַזט זיך אַ שיל מיט אַ טאָוול, מאַפּע, שול־בענק, אויף וועלכע עס זיצן שילערס און שילערנס און זינגען צוזאַמען מיטן לערער אָדער לערערקע — „גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער“. — אין הינטערגרונט עפֿנט זיך אַ פֿאָרהאַנג: אַ פֿעלד פֿון זון באַגאָסן, קאָלאָניסטן אַרבעטן און זינגען.

קאָלאָניסטן — גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער...

> עס פֿאַלט דער הינטערשטער פֿאָרהאַנג, ס׳באַווײַזט זיך אין ווינקל פֿון פֿאָדערגרונט דער דיכטער. — אונטער מוזיק־באַגלייטונג שפּנט זיך דער הינטערגרונט־פֿאָרהאַנג. — מ׳זעט דאָס זעלביקע פֿעלד וואָס פֿריער. — די קאָלאָניסטן זײַנען נישטאָ. אַ גלות־ייִד שפּאַנט, ביז ער לייגט זיך אַ מידער אונטער אַ בוים און שלאָפֿט אײַן.

(די חדר־ייִנגלעך און די שול־קינדער זינגען מיט דעם רעפֿריין)

דיכטער — (דעקלאַמירט) „דער חלום“

> אַלע קינדער מיטן רבין, לערער, באַהעלפֿערס, רביצין א״אַ דערשײַנען אויף דער הינטערגרונט־בינע. — זיי אַלע בילדן דעם כאָר און כאָר בײַ די לידער „שטײַ־אויף“,

„די טעכטער ציונס זינגען" (קענען זינגען אַנשטאָט „טעכטער" — „קינדער")

עס דערשיינען צווי „בילויים", זיי זינגען „ציון")

בילויים — פֿון דער וועלט פֿאַריאָגט, פֿאַרטריבן — — —

עס ווערט ביסלעכווייז טונקל — עס צינדט זיך אָן אַ שייטער, אַלע — אַרום פֿייער. — עס דערשיינט דער גלות־ייד.

גלות־ייִד — (זינגט „אויף קידוש השם") כ'ליג דאָ אין פֿײַער

אַלע — (זינגען דעם רעפֿריין)

דער באַהעלפֿער און אַ פּאָר גרעסערע תּלמידים זיינען פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גרופּע חלוצים.

חלוצים — (זינגען דאָס ליד „לשנה הבאה בירושלים") צי ווייסט איר, ווי עס הייסט דאָס אָרט — — —

דיכטער — (אין פֿאָדערגרונט, זינגט)

לערנט, קינדער, מיט גרויס חשק,
אַזוי זאָג איך אײַך אָן,
ווער ס'וועט גיכער פֿון אײַך קענען עבֿרי,
דער באַקומט אַ פֿאָן.

(ער דערלאַנגט די קינדער די ישׂראל־פֿאָן)

אַלע — (זינגען) — זעט־זשע, קינדערלעך, געדענקט־זשע טײַערע — — —

(ביז) קמץ אַלף — אָ
אויפֿן הימל צינדט זיך אָן אַ גרויסער, ליכטיקער „אָ !")

פֿאָרהאַנג

„אַ חתונה בײַ ייִדן"

אין דער סצעניזאַציע
גייען־אַרײַן די לידער

דער שדכן משה אהרן
די באַבע
שׂרה און רבֿקה
דער בעכער
דער זיידע מיט דער באַבע
דאָס פֿריילעכע שנײַדערל
פלהניו, ווין־זשע, ווײַן
די ראָד
אַ פֿריילעכס

שדכן משה אהרן — (קומט, זינגט און דעקלאַמירט דאָס ליד „דער שדכן").

די באַבע — (קומט מיטן אייניקל בנימין)

די באַבע — זעסט, בנימין, אַלע האָבן חתונה און דו... אפֿשר זאָל איך איבעררײדן מיט משה־אהרן שדכן?

בנימין — חלילה, באַבעשי, חלילה, מ'דאַרף נישט.

באַבע — (זינגט און רעדט) „רק איך טראַכט (אַנשטאָט „כ'ליג און טראַכט") טאָג ווי נאַכט"

ס'קימען אַן געסט, צווישן זיי דער בחור פֿון ראַכמעסטריווקע.

שדכן — נו, בחור, אויף וואָס וואַרטסטו? כ'לעבן, האָסט שוין לאַנג געמעגט הערן שופֿר בלאָזן.

באבע — האסט דאך שוין געהאט א כלה, דאכט זיך — שרה.

שדכן — נישט שרה, נאר רבקה.

בחור — יא, אי שרה, אי רבקה...

(זינגט) „אז איך בין געקומען קיין ראכמעסטריווקע"...

(אלע חזרן־איבער דעם רעפריין).

שדכן — מזל־טוב! אויפגעשפילט זאל ווערן אין א גוטער שעה, די מחותנים, ר' מלך עם זוגתו מלכה, זיינען דא!

אלע — מזל־טוב! לחיים, לחיים טובים ולשלום!

שדכן — (זינגט „דער בעכער") טייערע מלכה, געזונט זאלסטו זיין...

(דער עולם זינגט־מיט דעם רעפריין).

שדכן — (בגילופין, רופט־אויס) שא! אויפגעשפילט זאל ווערן: עס קומט־אן די יונגע פאר. (ער גייט איבער אין געזאנג)

ס'איז אקוראט געווארן 50 יאר,

אז זיי לעבן אינאיינעם, דאס אלטע פאר...

(דאס ליד „דער דידע מיט דער באבען" ווערט געזונגען, אבער געשפילט די סטראפן צווישן אלע פאדשוינען).

שדכן — אויפשפילן זאל א לעבעדיקס די קאפעליע! ס'קומט אן דער חיט דער פאלגע, דער שניידער ר' אלי!

שניידער — (זינגט „דאס פריילעכע שניידערל")

„אז דער יום־טוב הייבט זיך אן באווייזן"...

שדכן — מאכט א ווארע, מחותנים און געסט אלע, און אויפגעשפילט זאל ווערן לכבוד דער כלה!

(מען פירט ארײַן די כלה, מען באזעצט זי)

שדכן — (זינגט): „כלהניו"...

צום סוף קומען די צווי אנסאמבל־לידער: „די ראד", „א פריילעכס", בעת וועלכע עס דערשיינען אלע פארשוינען, וועגן וועלכע עס ווערט געזונגען, און עס ווערט פארענדיקט מיט אן אלגעמיינעם מצוה־טאנץ.

נאכבאמערקונג

◆ דער טיטל פון דעם בוך, יידישע פאלקסלידער, איז ווי פון אלע פריערדיקע 3 אויסגאבעס, מארק ווארשאווסקיס.

◆ די פינף אפטיילונגען, אין וועלכע אלע לידער זיינען איינגעטיילט, און זייערע טיטלען, זיינען פון דער רעדאקציע. די גרופירונגען — נאך די טעמעס און שטימונגען. די טיטלען — פון ווארשאווסקיס פערזן.

◆ אין דער אויסגאבע פון 1918 ווערט באמערקט, אז ז. האט צו נאך 8 לידער געהאט מוזיק (חוץ די וואס מיר האבן דא איבערגענומען פון זיין אלבאם און פון אנד׳ קוואלן). מיר האבן זיי נישט געפונען אין ב״א, נישט אין נ״י ייווא. דער וואס האט יא די ניגונים — צו **חד גדיא, דער אמת, דא אויף דער פריזבע, מיט איין בליק, שווארצע וואלקנס זע איך ציען, דער חלום, שטיי־אויף!, די טעכטער ציונס זינגען** — ווערט געבעטן זיי צושיקן דער רעדאקציע. עס וועט כדאי זיין צו זוכן אן אופן זיי צו ברענגען לאור.

◆ ווארשאווסקיס **דיאלעקט** איז נאר טיילווייז אפגעהיט געווארן אין דעם בוך. וועגן דעם ווערט אנגעמערקט ביי א ריי גראמען. ווארשאווסקי האט געגראמט **חנהלע** מיט **בריינעלע, גיך,** מיט **מצליח, שיינדל** מיט **שפענדל,** פרעכטיקע גראמען אין וואלינער דיאלעקט, וואס גייען פארלוירן פאר די וואס ריידן א פארליטעראַרישטן יידיש, פארליטוויש. אין בוך איז איבערגעלאזט **באבע** אנשטאט **באבע**. אין כלל ווערט געדרוקט **זייט**, אבער פאר ווילקלאנג איז אין עטלעכע פערזן איבערגעלאזט **זענט**.

◆ אונטער די נאטן, אין דער לאטיינישער טראנסקריפציע פון די לידער־טעקסטן, איז באנוצט געווארן לפי ערך אן אוניווערסאלער אויסלייג פאר מוזיקערס און זינגערס, צום נאענטסטן **צו ענגליש**. אט זיינען ביישפילן, ווי איניקע יידישע אותיות ווערן אויסגעלייגט (אנדערש ווי אין שפאניש): **טש** — tsh, ש — sh, ז — z, כ — ch, צ — tz. (אויב עס זיינען אריינגעפאלן טעותים, איז ניט צו וואונדערן זיך. די וואס האבן דאס באדארפט טעכניש דורכפירן זיינען געווינט צו לאקאלישער טראנסקריפציע, געבויט אויף דער לאנדשפראך).

◈ אין דער שווערער אויפֿגאַבע צו קאָרעגירן אומצייליקע פֿעלערן און פֿאַרקריפּלונגען אין דער מוזיק — ווי די איזפּריער געווען געדרוקט און פֿאַרשפּרייט — האָט ברייטהאַרציק בייגעטראָגן, מיט זיין גרינטלעכער פּאַכ־מענישקייט און פֿיינעם חוש פֿאַר עכטקייט, דער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט לעאָן ווייגער, ווי אויך דער קאָמפּאָזיטאָר און פֿאָלקלאָריסט לאַזאַר קלאַצמאַן. דער יאָהאַנעסבורגער קאַנטאָר ישראל אַלטער, צו גאַסט אין בוענאָס־איירעס, האָט אויפֿגעשריבן דעם וואַריאַנט „דער בעכער". מוזיק־טעקסטן, זעלטענע שוין, האָבן אויסגעבאַרגט מ. לייוואַ, זינגערן אַדעלאַ מילדוט און ייוואַ. פֿאַר אַלעמען — אַ האַרציקן דאַנק.

◈ ביים אָנגעבן טיטלען פֿון ביכער אין רוסיש, ביים ציטירן אָדער אין דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון יעפֿים ישורין, זיינען מיר געווען געצוווּנגען צו אָפּ־צעפּטירן אַ „ע" אָנשטאָט אַן אַלטע רוסישע „יאַט" ווייל די רוסישע דרוקעריי האָט נישט מער דעם אַלטן אות.

◈ היות עס איז נישט באַקאַנט וואַרשאַווסקיס ניגון צו „קידוש השם", איז באַזונדער וויכטיק צו קענען דעם ניגון, וועלכן עס האָט צו דעם ליד געשאַפֿן אליהו קאַנטאָר, וואָס מיר דרוקן אין דעם בוך.

◈ אַ באַזונדערן יישר־כוח דעם פֿאַרדינסטפֿולן ביבליאָגראַף יעפֿים ישורין, וועלכער האָט — אויף אונדזער בקשה — מיט זיין כאַראַקטעריסטישער מיזאַמקייט צוגעשיקט (פֿון ניו־יאָרק) די מאַרק וואַרשאַווסקי־ביבליאָגראַפֿיע.

◈ כדי צו וויזן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַנצער וועלט אויף דעם ריינעם שמאָף, וואָס איז דאָ ביי מאַרק וואַרשאַווסקין און וואָס איז נישט אויסגענוצט געוואָרן — דורך רעזשיסאָרן און דיריגענטן — פֿאַר ספּעקטאַקלען, האָט די רעדאַקציע באַוויזן דעם טאַלאַנטפֿולן שרײַפֿילער זלמן הירשפֿעלד, איינעם פֿון די פֿיינסטע אינטער־פּרעטן, אָנצושרייבן פּראָיעקטן און סקיצן פֿאַר צוויי סצעניזאַציעס פֿון מאַרק וואַרשאַווסקיס לידער, וואָס ווערן געדרוקט אין דעם בוך. יידישע קולטור־צענטערס, דראַמקרייזן און ליבהאָבערס פֿון טעאַטער און געזאַנג האָבן די סצענאַריעס, וואָס זיי קענען — און דאַרפֿן — אויסניצן נאָך זייערע מעגלעכקייטן און השגות. אַ גרויסער רעזשיסאָר קען אויסבויען פֿון מאַרק וואַרשאַווסקיס לידער אַ גראַנדיעזן פֿאָלקס־ספּעקטאַקל.

ש. ר.

MARC WARSHAWSKI

Canciones Populares Judías

2da. Edición

**Y ESTUDIOS LITERARIOS
SOBRE SU APORTE A LA LITERATURA IDISH**

Director
SAMUEL ROLLANSKY

●

ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633 - 3er. piso Buenos Aires

1965

MARC WARSHAWSKI

Jewish Folk - Songs

AND STUDIES ON THE JEWISH LITERATURE

★

ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Buenos Aires

Joseph Lifshitz Fund

ביז איצט דערשינען פֿאַר דער ביבליאָטעק
מוסטערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור
אונטער דער רעדאַקציע פֿון שמואל ראָזשאַנסקי

1) שלמה עטינגער — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (264 זייטן)
2) מאַרק וואַרשאַווסקי — **יידישע פֿאָלקסלידער מיט נאָטן** (216 זייטן)
3) ה. ד. נאָמבערג — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (256 זייטן)
4) מענדעלע מוכר ספֿרים — **מסעות בנימין השלישי** (256 זייטן)
5) לייב נײַדוס — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (208 זייטן)
6) יעקבֿ דינעזאָן — **יאָסעלע און דער קריזיס** (256 זייטן)
7) משה בראָדערזאָן — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (272 זייטן)
8) אליהו בחור — **בבֿא־בוך** (256 זייטן)
9) דוד פינסקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (352 זייטן)
10) שמעון פֿרוג — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (216 זייטן)
11) י. ל. פּרץ — **אין 19טן יאָרהונדערט** (272 זייטן)
12) י. ל. פּרץ — **אין 20סטן יאָרהונדערט** (272 זייטן)
13) מאָריס ראָזענפֿעלד — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (240 זייטן)
14) דוד האָפֿשטיין — איזי כאַריק — איציק פֿעפֿער **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (272 זייטן)
15) מרדכי ספּעקטאָר — **דער יידישער מוזשיק, ראָמאַן** (272 זייטן)
16) ה. לייוויק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (352 זייטן)
17) שלום עליכם — **מנחם־מענדל** (272 זייטן)
18) אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (304 זייטן)
19) י. י. שוואַרץ — קענטאַקי, א. ראַבאַי — **הער גאָלדענבאַרג** (פּיאָנערן אין אַמעריקע) (312 זייטן)
20) חיים־נחמן ביאַליק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (384 זייטן)
21) ש. אַנ־סקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (296 זייטן)
22) מענדעלע מוכר ספֿרים — **פֿישקע דער קרומער** (256 זייטן)
23) יוסף אָפּאַטאָשו — **אין פּוילישע וועלדער** (416 זייטן)

אין 1965 דערשיינען נאָך:

24) זלמן רייזען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**
25) יהואָש — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**
26) גליקל האַמיל — **זכרונות**